STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08037

# GEZANGEN

Joseph Jaffe

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף יפה

# געזאַנגען

ארויסגעגעבן פון יהואש ברענטש 50
אידיש-נאצ. ארבעטער פאַרבאַנד

ניו יאָרק
1936

Copyright, 1936, by
JOSEPH JAFFE
New York, N. Y.

POSY-SHOULSON PRESS, 19 West 21st St., New York City
234

# פון די אַרויסגעבער

מיט דער אויסגאַבע איז אונזער צווייג ניט מתקן קיין נייעם אין אידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. ביכער זיינען שוין פון פריער אַרויסגעגעבן געוואָרן סיי פון פאַרבאַנד דורך דער הויפּט פאַרוואַלטונג און סיי פון איינצעלנע צווייגן.

אונזער אויפטו האָט אַ באַזונדערן ווערט מיט דעם, וואָס מיר עהרן אַ חבר צו זיין יובילייִ, און טראָגן אים צו אַ מתנה — אַן אויסגאַבע פון זיינע שאַפונגען, וועלכע פאַרדינען אַנזען אין אונזער ליטעראַרישער שאַפונגסוועלט, און דער אידישער לייענער פאַרדינט זיי צו האָבן אין זאַמלונג און אין זיין אייגענער ביבליאָטעק.

מיר ווילן ביי דער געלעגענהייט אויסדריקן אונזער אַנערקענונג צו חבר דוד פּינסקי פאַר זיין וואַרימען אינטערעס אין דער אויסגאַבע און פאַר דער צייט, וועלכע ער האָט דער אַרבעט פון צוזאַמענשטעלן און קאָרעגירען די אויסגאַבע אָוועקגעגעבן.

אויך צו דער גענעראַל עקזעקוטיווע פון פאַרבאַנד און די איינצעלנע יחידים, וועלכע האָבן אונז געהאָלפן די אונטערנעמונג דורכצופירן.

אונזער ליבן חבר יוסף יפה ווינשן מיר נאָך לאַנגע יאָרן פון מונטערן שאַפן און האָפן גלייך מיט זיין פריינד אונזער ליבן דיכטער א. ליעסין אים צוצוטראָגן אַן אויסגאַבע מיט נייע שאַפונגען צו זיין אַכטציק יאָריגן יובילייִ.

**די עקזעקוטיווע פון יהואש ברענטש 50**
**אידיש נאַצ. אַרבעטער פאַרבאַנד.**

# אַ פּאָר פאָרווערטער

## א. ליעסין

עס איז ריכטיק זייער אַן אײדעלער אויפטו, וואָס די חברים פון נאַציאָנאַלן ארבעטער פארבאנד האָבן אויפגענומען — אונטערצוטראָגן זייער מיטגליד, יוסף יפה, צו זיין זיבעציק־יאָריקן יובילעאום א שיין־ארויסגעגעבענע זאמלונג פון זיינע לידער.

יוסף יפה איז איינער פון אונזערע איינפאכע, אָבער פיינע דיכטער — אין זיין זשאַנר דער איין־איינציגער. א זון פון דורות רבנים, איז אין זיין דיכטונג קיין שפּור ניטאָ פון דעם שווערמוטיקן ערנסט פון זיינע עלטערן און אור־עלטערן. זיין ליד איז אזוי עכט און לייכט, אַזוי ניט־פּרעטענציעז און חנ׳עוודיק, ווי דאָס פאָלקס־ליד. אַן אור־אור אייניקל פון גרויסן גאון רבי מרדכי יפה, וואָס האָט געשריבן אזעלכע שווערע און וואָגיקע ספרים, האָט יוסף יפה אריינגעטראָגן אין אונזער דיכטונג גראָד דאָס לייכט־הומאָריסטישע, דאָס שפּילעוודיקע, דאָס שטיפעריש. דאָס אָריגינעלע אין אים איז, וואָס ער, ווייניקער פון יעדן איינעם אין דער ליטעראַרישער חברותא, זוכט צו פּראַנטעווען מיט אָריגינאַליטעט.

און איך וויל אויסזאָגן די לייענער, אז אונזער דיכטער, וואָס האָט דעם גאנצן לעבן געזונגען אזוי לייכט, האָט דוקא דעם גאנצן לעבן געארבעט זייער שווער. אַנדערש פון זיינע עלטערן און אור־עלטערן, האָט ער נאָך אין זיין פריסטער יוגנט זיך אויסגעלערנט א מלאכה, און ער האָט פארבראַכט אַלע זיינע יאָרן ניט איבער די גרויסע פּאָליאַנטן פון ש״ס, נאָר איבער די קליינע געצייג פון זיין

מלאכה. ביז זיין זיבעציקסטן יאָר האָט ער אזוי אלץ געלעבט — פון יגיע כפּו, פון ערלאכן שוויס, ווי א יואוועליר. און ארבעטנדיק אזוי מיט די הענט, האָט ער אין קאָפּ געשמידט זיינע לידער. בלענדענדיק די אויגן איבער זיין מלאכה, האָט ביי אים אין נשמה שטענדיק געזונגען. דאָס איז געווען א גאָלד־ארבעט א צווייענדיקע — ניט נאָר אויף רינגעלאך און קייטעלאך, נאָר אויך אויף פערזן.

אין הייסן קלימאַט פון פּרס האָבן אמאָל, מיט 8־9 הונדערט יאָר צוריק, דיכטער געלעבט פאר וויין, ווייב און פערזן. דאָס זיינען געווען דיכטער פאַטאַליסטן און דעריבער אויך עפּיקורייער: „דו גייסט אוועק, ווי דער ווינט, וואָס פארוויייט, ווי דער טאָג, וואָס פארגייט, טאָ כאַפּ אריין וואָס עס לאָזט זיך לוסטיקערהייט." און זיי האָבן געזונגען פון וויין, פון „רויטן וויין", פון „רובינען, וואָס צינדן זיך אין וויין", און זיי האָבן טאקע אויך דעם וויין געטרונקען. אונזער דיכטער, יוסף יפה, איז אויך א פאַטאַליסט און דעריבער אויך אן עפּיקורייער. זיין פאַטאַליזם אָבער דריקט זיך אויס דערהויפּט אין דעם, וואָס ער דיינקט, אז איינמאָל א יואוועליר, מוז ער שוין אלעמאָל זיין א יואוועליר, מוז ער שוין שטארבן א יואוועליר. און א יואוועליר קען זיך דאָך פארגינען צו זיין אן עפּיקורייער שוין ניט אזוי אין פשוטן, ווי אין אילוזאָרישן זין. לעבט ער, אונזער דיכטער, ניט פאר וויין און ווייב, פשוטו כמשמעו, נאָר פאר די געזאנגען פון וויין און ווייב, וואָס ער שמידט זיי אויס אין זיין פּאָעטישן קאָפּ מיט די געצייג פון א יואוועליר אין די הענט. זינגענדיק פאר אנדערע וועגן וויין, טרינקט ער גאָר אליין דוקא וואסער — ניכטערע וואסער. שילדערנדיק פאר אנדערע אלערליי גליאיקע ליבעגלוסטונגען זיינע, בלייבט ער גאָר אלע יאָרן א געטרייער פאמיליעמאַן, וואָס זינדיקט ניט אפילו אין מחשבה. לעבט ער אלץ אזוי, אָט דער רבנישער זון, וואָס וויל אויפשפּילן פון זיך אין די לידער דוקא דעם מופקר — זינגענדיק טאקע ניט די געזאנגען, נאָר וועגן די געזאנגען פון וויין און ווייב.

און אזוי האָט ער זיין לעבן דורכגעזונגען, אונזער עכט־אידישלאכער עפּיקורייער — ניט אין זון־צעברענטן פּרס, צווישן די דופּטיקע וויינגערטנער פון נאַישאַפּור, נאָר אין די געדרייטע געסלאך ארום דעם ניו יאָרקער פּארק ראָו, צווישן די געשמאַקלאָזע, אומגע־

לומפּערטע, הויכע מאַכינעס, אין די איינגע פיר ווענטלאך פון די טונקעלע וואַרשטאַטלאך — אין אייביקע זאָרגן און אייביקער פּראַצע.

און די אַלע פאַרשיידענע לוסטזיניקע ליבעס, וואָס ער האָט ניט אויפגעהערט כסדר צו באַזינגען, זיינען דאָך אַלץ אינספּירירט געוואָרן פון דער איינאיינציקער, ערנסטער, טיפער ליבע זיינער צו בעלאַ יפה — צו זיין טרייער לעבנס־באַגלייטערין פאַר די לעצטע פיר צענדליק יאָר, וואָס איז אַליין אויך אַ דיכטערין, און דעריבער האָט זי אים אַזוי פיין פאַרשטאַנען און אַזוי איבערגעבן געטיילט זיין לייד און זיין פרייד, זיין אַנגסט און זיין באַגייסטערונג.

אָט אַזוי איז ער אין דער אמתן, אונזער זינגער פון וויין און ווייב, אונזער ליבער, האַרציקער יוסף יפה, וואָס זינגט נאָך צו זיבעציק יאָר אַזוי יונג און אַזוי גרינג, אַזוי שפּילעוודיק און אַזוי שטיפעריש, ווי ער וואָלט נאָך ערשט אַלט געוואָרן זיבעצן יאָר.

דאָס זיינען די פּאָר סודות, וואָס איך האָב געוואָלט אויסזאָגן די לייענער, כדי זיי זאָלן דערפילן אין זיין דיכטונג דעם ריכטיקן טעם, דעם ריכטיקן חן.

און ווי אַ רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל, וואו ער האָט די מערסטע לידער זיינע געדרוקט, און ווי אַן אַלטער־אַלטער פריינט פאַר די לעצטע 38 יאָר, ווינש איך אונזער יובילאַר, אַז אין צען יאָר אַרום, ווען ער וועט שוין דערגרייכן צו גבורות, זאָל מען אים אונטער־טראָגן נאָך אַזאַ ליבע מתנה — אַ שיין־אַרויסגעגעבענע זאַמלונג פון נייע לידער.

## דוד פינסקי

יוסף יפה איז זיין גאנץ לעבן אן ארבעטער, א גראַוויאר. אפריער ביי פרעמדע ווארשטאַטן, שפּעטער פאר זיך אליין. ניט חס ושלום קיין באַלעבאַס, וואָס באַשעפטיקט א סך ארבעטער, נאָר אן ארבעטער מיט דעם קאַפּיטאַל פון א באַלאַבאַס. זוכן קונדן, זוכן ארבעט און אויסגעריסן ווערן, ביז ער קריגט באַצאָלט פאר זיין ארבעט. אָבער ער האָט קיינמאָל קיין אנדער באַשעפטיקונג ניט געזוכט. די ארבעט איז א טייל פון אים. זי איז צוזאַמענגעוואַקסן מיט זיין דיכטן, מיט זיין שאַפן. אויך איצטער, א בן שבעים, לייגט ער זי ניט אוועק. ער האָט מורא, אַז יעמאָלט וועט ער אויפהערן צו דיכטן.

איינגעבויגן איבער פארשיידענער צירונג, מיט דעם שטעכל אין דער רעכטער האַנט, גראַווירט ער אָנגעשטרענגט אויס בוכשטאַבן און צייכנונגען, אָבער אין דער איינענער צייט שאַפט ער זיינע לידער. ער לאָזט די האַנט טאָן די געוויינטע ארבעט — און ער איז א גוטער ארבעטער, — אָבער אין קאָפּ שטעלט ער זיך צוזאַמען א ליד. די אויגן גלאַנצן פון דעם נייעם איינפאַל, די ליפּן באַוועגן זיך, שעפּטשען די נייע פערזן. מאַכט זיך אַמאָל, אַז דער שטעכל פארפאָרט אים אין דער לינקער האַנט, מאַכט א טיפע וואונד, און איינמאָל האָט ער שיר ניט פארלאָרן זיין לעבן פון א בלוטפארגיפטונג. אָבער ער ווערט ניט פאָרזיכטיקער. אזוי מוז עס שוין זיין, אזוי מוז ער שאַפן זיינע לידער. און ווען ער קומט אהיים, שעפּטשען נאָך זיינע ליפּן און זיינע אויגן גלאַנצן. ווייס מען, ער איז געקומען מיט א נייעם גע־דיכט.

איידער ער שרייבט אויף א ליד אויפן פּאַפּיר, טראָגט ער זיך אַרום מיט אים אין קאָפּ א לאַנגע צייט. ער וועט עס ערשט אויפ־שרייבן, ווען ער וועט מיט אים אינגאַנצן פארטיק ווערן, אינגאַנצן זיכער זיין. עס איז, ווי ער וואָלט זיך געשעמט איבערצוגעבן דעם

פּאַפּיר א זאַך, אין וועלכער ער האָט נאָך זיינע צווייפל. אָפּט האָט ער זיך אזוי ארומגעטראָגן מיט צענדליקער לידער. דער עיקר נאָך אין די ערשטע יאָרן פון זיין שאַפן. צום גליק האָט ער א וואונדערבארן זכרון.

אין מיין אריינפיר צו דעם ערשטן באַנד פון זיינע לידער אין יאָר 1914 האָב איך אים אָנגערופן „דער שטיפער פון דער אידישער ליטעראַטור". אין דער אלגעמיינער מרה־שחורה'דיקייט פון אונזער ליטעראַטור האָט ער אריינגעטראָגן א באַזונדערס דערפרישענדיקן און באפרייענדיקן טאָן מיט לעבנסלוסטיקע, שטיפערישע, שקאַציקעוואַטע לידער.

ער, דער ארבעטער, וועמען די ארבעט האָט ניט באַזונדערס זיס געמאַכט דאָס לעבן, האָט ניט געזונגען פון ארבעטערנויט און אר־בעטערקאַמף. ער, דער זייער וואָרימער איד, אן אָפּשטאַמער פון לאַנגע דורות פון רבנים, האָט אויך ניט געזונגען פון אידן־נויט און אידן־קאַמף. נאָר „פון געפילן, וועלכע זיינען זיין אינווייניקסטער סוד... פון איבערלעבענישן, וועלכע זיינען זיינע אייגענע, מיט קיינעם ניט־געטיילטע..."

ער איז געוואָרן דער דיכטער פון ליבע.

און נאָך אן איבערלעבעניש האָט אים ניט אָפּגעלאָזן, אן אינ־ווייניקסטער סוד, וואָס איז פאַר אים אליין א סוד: דער פּראָצעס פון שאַפן. „ער שטייט פאַר זיין שאַפן, ווי פאַר א גרויסער רעטעניש." עס איז, ווי ער וואָלט זיך געוואונדערט, ווי קומט עס צו אים. ער קוקט אריין אין זיך אליין, אנאַליזירט זיך, ווייל קלאָר ווערן, וואָס קומט אין אים פאָר, ווען א ליד ווערט אין אים געבאָרן. דערפאַר האָט ער באַשאַפן א סך „שאַפונגס"־לידער. באַזונגען דעם טראָגן און דאָס האָבן.

אין די לעצטע יאָרן קומט אין אים אָפּט אויף א צווייפל, צו איז ער טאַקע א דיכטער, צו נאַרט ער זיך ניט אין זיך, און אָט דעם צווייפל געהערן א סך פון זיינע בעסערע לידער. אין זיי האָט ער ארויסגעזאָגט די ערליכסטע ווערטער, וואָס א דיכטער קאָן זאָגן וועגן זיך אליין.

ער האָט געדרוקט זיינע לידער אין „ארבעטער", אין דער „אידי־שער וואָכנשריפט", אין „צייט", און פאַר די לעצטע צען־פופצן יאָר

איז ער שטענדיקער מיטארבעטער פון דער „צוקונפט", וואו זיינע לידער דערשיינען כמעט יעדן צווייטן חדש. מיט צוויי־און־צוואנציק יאָר צוריק איז ארויסגעגעבן געוואָרן די ערשטע זאַמלונג פון זיינע לידער. די פאַרליגנדיקע זאַמלונג נעמט אין זיך אריין א סך לידער, וואָס זיינען ניט אריין אין דער ערשטער זאַמלונג און דעם גרעסטן טייל פון די לידער, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן זינט 1914.

אין דער פולקייט פון די לידער זעט זיך איצטער הערלאכער ארויס די שיינע, איידעלע, שטילע נשמה פון דעם דיכטער יוסף יפה, דעם פאָלקסמענטש, וואָס איז גרויס אין זיין איינפאכקייט, דעם פראכט־מענטש, ווייט פון קאַמף און קריג, פול מיט ליבשאפט צו וועלט און מענטשן.

# מיט זיך אַליין

# מיין אינערע וועלט

מיין אינערע וועלט איז אַ ליכטיקע וועלט;
ס׳האָט קיין מאָל אין איר נאָך די זון ניט געפעלט.
און רייסט זיך אַ וואָלקן אַ שוואַרצער אַריין,
עס שלינגען די זוניקע שטראַלן אים איין.

כ׳האָב שטענדיק געזונגען און זינג נאָך ביז היינט
פאַר זיך און פאַר איר און פאַר אייניקע פריינט.
און בלאָזט עס פון דרויסן אויף מיר מיט אַ קעלט,
איך וואַרם זיך אָן אין מיין זוניקער וועלט.

אינערע וועלט מיינע, העל בלייב אין מיר!
לאָז ניט קיין קנאה אַריין דורך דער טיר;
לאָז ניט קיין שנאה אַריבער דיין שוועל:
דאָרט, וואו איך לעב איצט, זאָל אייביק זיין העל!

# געזאַנגען

זיי נעמען ביי מיר זיך דאָך קיינמאָל ניט אויס;
זיי קומען כסדר פון האַרצן אַרויס:
געזאַנגען פון ליבע, געזאַנגען פון צער,
אַ דאַנק דיר, רבונו של עולם, דערפאַר!

דאָס שטיקעלע ברויט, וואָס איך עס,
איז געזאַנג.
די קריוודעס, וואָס איך פאַרגעס,
איז געזאַנג.
און אַלץ, וואָס איך קאָן נאָר פאַרשטיין,
איז געזאַנג.
און איך וועל אַזוי מיר פאַרגיין
אין געזאַנג.

פרימאָרגנס אַ ליד, שפּעט אָוונטס אַ ליד;
עס קאָכט אין מיין האַרצן אַ לידער־יאַריד.
כ׳קאָן מיך נישט באַקלאָגן, מיין שפע איז גרויס,
און יעדעס ליד בעט: זינג מיך פריער אַרויס!

איינציקווייז, לידעלאַך, נישט מיט אַ מאָל . . .
פּאַטער אין הימל, ווי גרויס אייער צאָל!
לאַנגזאַם און איינציקווייז קומט דאָך צו מיר,
שרייב איך איך אָן מיט מיין בלוט אויף פּאַפּיר.

# דעם טאָג פאַר דער אַרבעט

דעם טאָג פאַר דער אַרבעט, די נאַכט פאַר גענאַנג:
אַזוי איז פון אימער מיין בורא׳ס פאַרלאַנג.
דרום ארבעט איך שטענדיק פון פרי ביז גאַנץ שפעט —
און שאַף מיינע לידער ביינאַכט אויף מיין בעט.

איך האָב ניט געשלאָפן אַ גאַנצענע נאַכט:
איך האָב אין מיין זינען אַ לידל פאַרטראַכט
און בין פון געלעגער פרימאָרגנס אַראָפּ,
מיט שמחה אין האַרצן, מיט ווייטיק אין קאָפּ.

אַרויסגעשיקט האָב איך אַמאָל אַ געזאַנג:
צו הערן זיין עכאָ איז גרויס מיין פאַרלאַנג.
מיין אומגעדולד האָט מיך כמעט שוין פאַרצערט:
דעם ווידערקול האָב איך ביז היינט ניט געהערט.

און טראַכט איך דערפון אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט,
הער איך ביים צוקאָפן אַ שטימע, וואָס לאַכט:
פאַרקלונגען דיין ליד איז מסתמא צו ווייט,
דרום נעמט עס דעם עכאָ צו קומען פיל צייט!

## ווען ניט איר, מיינע לידער

ווען ניט איר, ווען ניט איר, מיינע לידער,
וואָלט ניט ליב מיר מיין לעבן געווען;
אין אַ נאַכט פון אַ ווילדער פאַרצווייפלונג
ווייס נאָר גאָט וואָס מיט מיר וואָלט געשען.

דאָך איר קומט אָן ווי זוניקע קינדער,
און איך ווער אַזוי גליקלאַך און רייך;
און איר פאַנגט אין מיר שטיל אָן צו זינגען,
און איך לייד און איך לעב צוליב אייך!

## אָפּגעמאַכט

איינמאָל, אין מיין יוגנט־צייט,
אין אַ נאַכט אַ שטילער, —
האָב איך צום אַלמעכטיקן
צוגעשיקט א תפילה:

„גיב, גאָט, מיט דיין פולער האַנט
ברויט מיר מיט געזאַנגען!"
און דער בורא זאָגט צו מיר:
„טוסט צופיל פאַרלאַנגען:

איינס פון בײדע קריגסטו נאָר,
קענסט דיר זעלבסט אויסקלייבן."
האָב איך אָפּגעשטופּט דעם ברויט:
— „כ׳וויל א זינגער בלייבן."

אָפּגעמאַכט איז אָפּגעמאַכט,
כ׳טאָר זיך ניט באַקלאָגן;
זינג איך לידער טאָג און נאַכט
אויף א לערן מאָגן!

# אַ קליינינקע לידעלע

און נעכטן בין איך שוין שטאַרבן געגאַנגען:
אין נאָך אַ מינוט כ׳וואָלט זיך אויפגעהאַנגען.
איז פּלוצלונג אַ לידל אַ קליינע געקומען,
און האָט צו מיר חנ׳עוודיק ווינקען גענומען.
בין איך פון מיין תליה אַרונטערגעשפּרונגען
און האָב דאָס לעב־ליד אויסגעזונגען:
אַ קליינינקע לידעלע, כ׳לעבן,
געראַטעוועט האָט מיר דאָס לעבן!

# מיינע שטילע באַגלייטער

איך שטילע, געטרייע באַגלייטער,
איר טענער אין האַרצן ביי מיר,
פאַרזאַמלט אייך אלע אינאיינעם,
און רייסט אייך ארויס אין א שיר!

און גאַנץ גלייך אין וואָס פאַר אַ וועלט־טייל, —
און גאַנץ גלייך אין וואָס פאר א שעה,
איך דאַרף אייך קיין איינמאָל ניט זוכן,
איר זייט ביי מיר אלעמאָל דאָ.

אמאָל זייט איר דאָ מיט א שמייכל,
אַמאָל זייט איר דאָ מיט א טרער —
און ווי ס׳זאָל מיין הארץ מיר ניט ברעכן,
איך בין ניט קיין עלנדער מער.

מיר דוכט, אז איר זייט שוין פיל דורות
אין מיר וואו באַהאַלטן געווען,
נאָך איידער איך האָב דאָ די העלע,
די זוניקע שטערן דערזען.

ווען ס׳האָט זיך מיין פאָטער מיט פייער
אין ברוסט פון מיין מוטער געגורט,
געוועזן זייט איר שוין אין מיין ווערן,
געוועזן זייט איר אין מיין געבורט.

איר טענער, געטרייע באגלייטער,
וואָס יורען אין מארך מיר און בלוט,
פאַרזאַמלט אייך אלע אינאיינעם
און שאַלט ביז מיין לעצטער מינוט!

# רבונו של עולם

— רבונו של עולם, כ׳בין מיד שוין און מאַט
די וועלט מיט געזאַנגען פאַרקלינגענדיק;
און כ׳קריג ניט קיין כבוד און כ׳קריג ניט קיין שכר
און ס׳בענקט זיך נאָך דעם אַזוי זינגענדיק!

„דו קריגסט עולם הבא,״ געענטפערט האָט מיר
אין ערנסט דער אייביק־גערעכטיקער, —
„ווייל אַנדערקענט ווערן וועסטו נאָך דיין טויט,
און בלייבן אויף אייביק אַ מעכטיקער.״

— ס׳איז אמת, איך וויס דאָס . . . דאָך ווילט זיך אַמאָל
מיר אויך עולם־הזה אַביסעלע.
איך בין ניט קיין זולל וסובא, מיין גאָט,
טאָ גיב כאָטש אַ פּיצינקע שיסעלע!

## איז מיין שטיבל ענג

איז מיין שטיבל ענג
און פון לוקסוס ווייט,
איז זי אין געזאַנג
רייך צו יעדער צייט.

קומט דאָך, ווען איר ווילט,
אָפן איז מיין טיר;
איך באַגעגן אייך
שטענדיק מיט אַ שיר!

## כל דכפין

איילט אייך, טענער פון מיין הארץ!
פיל איר זייט פאַראַנגען
הילכט ארויס, כל זמן כ'בין נאָך
ניט אַוועק פון דאַנען.

ווער זיין אלץ געגעבן האָט,
רייך איז זיין געוויסן;
הילכט ארויס, און ווער עס וויל,
דער זאָל אייך געניסען!

## און אָפּטמאָלס

און אָפּטמאָלס, ווען כ׳זיץ אין מיין צימער
פאַרטיפט אין געזאַנגען ביז שפּעט,
עס עפענען זיך אויף מיינע ליפּן
און מורמלען גאַנץ שטיל אַ געבעט:

ניט לאָז מיך, גאָט, זיך איבערלעבן,
איך טראַכט דערפון שטענדיק מיט שרעק;
און נעמסט דו פון מיר אָפּ מיין שירה,
דאַן נעם אויך מיך זעלבער אַוועק.

ווייל ווי איז צום הערשער, וואָס האָט שוין
ביים לעבן פאַרלאָרן זיין מאַכט;
און ווינד איז דעם זינגער, וואָס לעבט נאָך,
און ווערט שוין אַלס טויטער באַטראַכט . . .

## גאָט צו דאַנקען

זינג איך מיר פאַר מיר אַ זמר:
גאָט צו דאַנקען.
כ׳האַנדל ניט מיט קריטיק־קרעמער,
גאָט צו דאַנקען!
כ׳וועל דערפאַר קיין כבוד קריגן?
גאָט צו דאַנקען!
כ׳וועל ניט צווישן גדולים ליגן?
גאָט צו דאַנקען!
אויב מיין נאָמען וועט זיך הערן,
גאָט צו דאַנקען;
וועל איך גאַנץ פאַרגעסן ווערן,
גאָט צו דאַנקען!

## צו מיין לעבנס-חבר

בעללא, ווייסטו ווער דו ביזט?
ביזט מיין ליבסטע ניט אומזיסט!
ביזט די צאַרטסטע העלפט אין מיר,
ביזט דריי פערטל פון מיין שיר.
פון דיין בליק און פון דיין קלאַנג
ווערט מיין ברוסט פול מיט געזאַנג.
טראָג איך דאָס אין האַרצן אויס,
הילך עס אין דער וועלט אַרויס.
ווייסט דו איצט שוין, ווער דו ביזט?
ביזט מיין ליבסטע ניט אומזיסט!

## איך בין צוויי אין איינס

איך בין צוויי אין איינס —
אַרבעטער און זינגער;
אַרבעט פאַלט מיר שווער,
זינגען איז מיר גרינגער:

זינג איך ביי דער אַרבעט
ווערט מיין אַרבעט לינד;
אַרבעט איך ביים זינגען,
איז מיר וויי און ווינד.

# מיין שרייב-טיש

1

איך האָב געקויפט אַמאָל אַ שרייב־טיש,
שוין צוריק מיט כמה יאָרן.
מיינע יונגע לידער־קינדער
זיינען פריילאַכער געוואָרן.

ס'איז זיי לאַנג שוין איבערדריסיק
אין מיין קעשענע צו ליגן;
איצטער וועלן זיי אַ צימער
אין מיין גרויסן שרייב־טיש קריגן.

2

לוסטיק זיינען מיינע לידער
אין מיין שרייב־טיש אומגעצויגן;
ווען איך קוק אַריין אין שופלאָד,
פינקלען אויף ביי זיי די אויגן.

פריי איך זיך מיט מיינע קינדער,
פרייען זיי זיך מיט'ן טאַטן;
— אַט אַזוי איז גוט, קונדסים,
קיין בייז אויג זאָל אייך ניט שאַטן! —

3

זיינען לידער צוגעקומען,
איז מיין שרייב־טיש ענג געוואָרן;
און די קינדער מיינע האָבן
זייער פריילאַכקייט פאַרלאָרן.

רייסן זיי זיך פון דער ענגשאַפט,
ווילן זיך דער וועלט באַווייזן.
„אַך, ווי שיין עס איז אין דרויסן
דורך דער גרויסער וועלט צו רייזן!"

4

— לידער מײנע, יונגע פױגלען,
אײלט אײך ניט אַװעקצופליען;
ביז די פליגלען װערן זיכער,
זאָלט איר פון דער הײם ניט ציען.

און די װײַטקײט, װעלכע לאָקט אײך,
איז ניט אָפּט באַשפּרײט מיט בלומען:
ס׳זײנען פּריצײטיקע פליער
אָפּט אין װעג שױן אומגעקומען! —

5

ס׳װערט מײן שרײב־טיש שױן צעפאַלן:
עלטער האָט זײן קראַפט געבראָכן;
מײנע קינדער פון דעם שופלאָד
קוקן אָן מיך מיט נצחון:

נאָך אַ טאָג מיר װערן פּטור
פון דעם שרײב־טיש פון דעם אַלטן:
אונזער טאַטע װעט ניט האָבן
זײנע קינדער װאו צו האַלטן.

װעט ער אונז פון שופלאָד נעמען,
װעט אונז אין אַ צײט־שריפט דרוקן.
װעלן מיר אַ װעלט אונז אָנזען,
און אַ װעלט װעט אױף אונז קוקן!

# שפליטער געזאַנגען

שורות און סטראָפן אויף שטיקלאַך פּאַפּיר
וואַלגערן אום אין שופלאַד זיך ביי מיר;
יעדע פון זיי איז אַ טייל, איז אַ גליד
פון אַ פאַרגעסענער קינפטיקער ליד.

איינצעלנע שורות אויף שטיקלאַך פּאַפּיר!
כ׳האָב פון אייך אָפט שוין געפלאָכטן אַ שיר;
מאַנכע פון אייך אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט
האָב איך צום ריכטיקן אויפבוי געבראַכט.

איר, וועלכע זייט שוין ביי מיר זייער לאַנג,
טוט אַזוי ווי מיר אין האַרצן און באַנג;
אייך איז צו לעבן שוין מער ניט באַשערט:
כ׳קאָן ניט דערמאָנען זיך, וואו איר געהערט.

וואָס זאָל איך טאָן מיט אייך? ווי זאָל דאָס זיין?
זאָל איך אייך וואַרפן אין פייער אַריין?
דיכטער איז טאַטע, לידל איז קינד —
ליידן אָפט קינדער פאַר טאַטישע זינד;

קאָן איך גאָר טראַכטן פון האָבן פאַרברענט
אייגענע קינדער מיט אייגענע הענט?
שפליטער־געזאַנגען אויף שטיקלאַך פּאַפּיר,
בלייבט דאָך אויף ווייטער אין שופלאַד ביי מיר!

# מאַשינאָווע לידער

1

אויף די קלאַווישן
פון מיין שרייב־מאַשין
האָב איך אויסגעשפּילט
נעכטן אַ געזאַנג.

כ׳ווייס נישט, וואָס עס איז
מיט מיין ליד געשען.
עפּעס דוכט מיר אויס
פרעמד מיין איינ׳נער קלאַנג.

2

כ׳קאָן דיך ניט פאַרטראָגן,
מאַשינאָווע וועלט!
פון דיין רויש און פייער
פאַלט אויף מיר אַ קעלט:

טוסט אָפּ צוויי טעג אַרבעט
אין אַ קליינער שעה, —
דאָך אין דיינע מעשים
איז קיין האַרץ נישטאָ!

3

הייב איך אָן צו רופן
מיינע אַלטע פריינט,
כ׳וועל מיט זיי פונם נייעם
מאַכן שלום היינט.

„קום דאָך, גוטער טינטער,
מיט דיין וואָרם־טינט,
זע, איך בין פאַרפראָרן,
גיב מיר בלוט אַ קווינט.

דו, מיין טרייע פעדער
מיטן טעמפּן שפּיץ,
ליב איז מיר דיין קראַצן,
ליב דיין שווארצער שפּריץ.

כ׳רוק אָפּ די מאַשינקע
טויזנט יאָרן וויט;
נאָר אין אייער נאָנטקייט
הויכט מיט וואָרמקייט!“

# מיין פנקס

כ׳האָב אַ פּנקס אין מיין הויז,
איז ער שווער און דיק און גרויס.
טראָג איך אין מיין האַרץ אַ ווילן
אים מיט לידער אָנצופילן;
וועט געלינגען מיר, צי ניין,
ווייס דער בורא נאָר אַליין!
* * *

האָב אַלע מיינע לידער
אין מיין פּנקס איינגעשריבן,
איז מיר מערער פון דריי פערטל
לערער פּלאַץ אין אים פאַרבליבן.

האָב איך באַלד דערפילט אין האַרצן
אַזאַ ווייטיק, אַזאַ שטילן:
ווייניק צייט איז מיר פאַרבליבן
פאַרן פּנקס אָנצופילן.

באַלד, און ס׳לעבן איז פאַריבער . . .
איז מיר אַ געדאַנק געקומען:
— האָסט אין לעבן, ווי אין פּנקס,
אויך גאַנץ ווייניק פּלאַץ פאַרנומען! —
* * *

איך בין אַן איינגעשפּאַרטער מענש
אין וואָוילטיק ווי אין נויט;
און וועל פאַרבלייבן איינגעשפּאַרט,
ווען ס׳קומט צו מיר דער טויט.

איך מוז מיין פּנקס אָנפילן
איינגאַנצן מיט געזאַנג;
דאָס איז געווען און איז ביז איצט
מיין איינציקער פאַרלאַנג.

איר לאַכט: איך בין צו אַלט פֿאַר דעם
און שוואַך, אַ חורבה נאַר?
איך וועל מיין פּנקס אָנפילן,
ווען ס׳נעמט נאָך פיל, פיל יאָר.

איך בין דאָך אַ קשה־עורף־מענש,
אין וואוילטיק ווי אין נויט;
און וועל פאַרבלייבן האַרטנעקיק,
ווען ס׳קומט צו מיר דער טויט!

* * *

איינס, צוויי, דריי, פיר,
ס׳שפּראָצן לידער אויף פּאַפּיר;
בליען אויף און וואַקסן אויס,
מאַנכע קליין און מאַנכע גרויס;

מאַנכע — העלע ווי די שטערן,
מאַנכע דורכגעמישט מיט טרערן;
מאַנכע — לוסטיק און פאַרשייט,
לידער פון א יעדער צייט.
איינס, צוויי, דריי, פיר,
שפּראָצן, וואַקסן אויף פּאַפּיר!

* * *

אַ־האַ! עס קומען לידער אָן,
צו צוויי, צו דריי, צו פיר;
זיי ציען און זיי שטויסן זיך
און רייסן זיך פון מיר.

און קוק איך זיי מיט ליבע אָן,
זיי קריגן באַלד קאָליר —
דאַן נעם איך זיי און צערטל זיי,
און שלייף זיי און פּאָליר.

אַ גאַנצע מאַסע מיט אַמאָל
אין פּנקס שוין אַריין.
אַ דאַנק דיר, גאָט, מיין פּנקס וועט
אַן אָנגעפּילטער זיין!

* * *

זיצט מיט מיר ביים שרייב־טיש
מיין געטרייע ווייב,
קוקט אַריין אין פּנקס,
לייענט, וואָס איך שרייב.

„יוסף׳ל, ניט אייל דיך,
בעסער שרייב באַזאַכט.
זע, דו האָסט אַ טעות
אין דיין ליד געמאַכט.“

טאָקע ס׳איז אַ טעות,
ליבסטע איז גערעכט;
טונק איך איין מיין פעדער,
מאַך דעם גרייז צורעכט.

קוק איצט איבער, ליבסטע,
זע, ווי ס׳דיר געפעלט —
קוקט זי און זי שמייכלט:
„עפּעס, יוסף, פעלט.“

— וואָס אַזוינס, זאָג, פעלט דאָ,
גיב מיר צו פאַרשטיין! —
טוליעט זי צו מיר זיך:
„זעסט דען ניט אַליין?“

קוש איך אירע ליפּן,
דריק איך איר די האַנט;
זינגען מיר אַ לידל
זאַלבעצאַנד!

# נצחוני, בני *)

און ווען עס ווערט מיר אומעטיג,
און כ׳האָב ניט וואו צו גיין; —
און קיינער קומט ניט אין מיין הויז
און כ׳בלייב מיט זיך אליין.

דאַן זוך איך באַלד מיין פנקס אויף,
איך נעם אים אין דער האַנט,
איך בלעטער אים און וואַנדער שטיל
אום אין מיין לידער־לאַנד.

עס כאַפּט זיך אויף אַ לידעלע
און זאָגט: — ברוך הבא! —
און וועקט פון שלאָף איר חבר׳טע,
קום, זע, ווער דאָ איז דאָ! —

און איינע וועקט די אַנדערע
מיט שמחה און מיט האַסט:
— קום, אונזער בורא איז צו אונז
געקומען היינט צו גאַסט! —

עס שטעלן זיך די לידער אויס
אַ ריי באַלד נאָך אַ ריי,
און יעדע פאַנגט צו זינגען אָן
איר ליבע און איר וויי.

זיי הילכן אזוי תפלה׳דיג,
זיי קלינגען אזוי עכט —
און טרעף איך וואו אַ פּגימה׳לע,
איך מאַך דאָס באַלד צורעכט.

---

*) נאצכוני, באַניי, איר האָט מיך באַזיגט, מיינע קינדער.

דאַן פאַנגען זיי מאַרשירן אַן
מיט שנעלע, שטילע טריט,
און לאַדן זייער בורא איין
צו קומען מיט זיי מיט.

איך גיי מיט זיי, איך זינג מיט זיי,
און ווייל אַנדערש קאָן איך ניט:
איך בין ניט זייער בורא מער,
איך ווער ווי זיי — אַ ליד.

און איך דערשפּיר אין האַרץ בײַ מיר
אַ קוואַל פון יוגענד־בלוט.
איך זינג „נצחוני, בני", שטיל
און וואויל איז מיר צו מוט.

## בן ששים

בן ששים לזקנה? אַ נעכטיקער טאָג;
איך רייד פון דערפאַרונג, איך ווייס, וואָס איך זאָג:
איך האָב שוין פיל יונגינקע זקנים געזען, —
און אַלטע, וואָס זיינען גאַנץ יונג נאָך געווען.

בן ששים לגבורה! פאַרמעסט אייך מיט מיר,
און זעט, ווער ס'איז שטאַרקער — צי איך אָדער איר,
איר יונגינקע, וואָס איר זייט גאווה'דיק פרעך
און גיסט אויף אונז אַלטע מיט שוועבל און פעך.

בן ששים לבינה! פאַרגלייכט אייך מיט מיר
און זעט ווער ס'איז קליגער — צי איך אָדער איר.
איר יאָגט זיך נאָך כבוד און כאַפּט בלויז אַ פייג,
איך שטיי מיר פון ווייטן און שמייכל און שווייג.

# זעקס און זעכציק

וואָס נענטער צום גרענעץ פון יענער זייט,
אַלץ שנעלער און שנעלער פאַרפליט די צייט.
אַ טאָג לויפט אַוועק און דיר דוכט, אַז — אַ שעה,
און איידער דו קוקסט זיך אַרום — ביזט נישט דאָ!

און איך ווער היינט זעכציק און זעקס יאָר שוין אַלט;
איך ווייס, אַז מיין רייזע זי ענדיקט זיך באַלד,
און פעלט מיר צום גרענעץ אַ שפּאַן צי אַ מייל, —
איך קום באַלד דאָרט אָן ווי פון בויגן אַ פייל . . .

מיך אַרט ניט; דאָס שטערט ניט מיין שלאָף ביי דער נאַכט:
ווער האָט דען צייט צו פאַרהאַלטן די מאַכט?
נור איין זאַך, וואָס קוועלט מיך און נאָגט אין דער שטיל:
כ׳לאָז איבער יתומים׳לאַך לידעלאַך פיל.

זיי זיינען צושפּרייט און צוזייט אויף דער וועלט;
איך האָב ניט געבויט נאָך פאַר זיי קיין געצעלט.
ס׳איז אפשר ניט מער ווי אַ קינדערשע זאַך, —
דאָך ווילט זיך מיר זען אַלע אונטער איין דאַך.

נאָר אונזערע וואונשן זיי האָבן קיין ווערט:
מיר קריגן נאָר דאָס, וואָס איז אונז באַשערט.
דאָך ווייס איך, אין יעדן פאַרוואָגלטן שיר
כ׳לאָז איבער אַ קדיש אַ טרייען נאָך מיר!

# אַ זיבציג יאָר שוין אָבגעלעבט

אַ זיבציג יאָר שוין אָבגעלעבט:
די וועלט אין דמיון דורכגעשוועבט.
צו אַלץ זיך ערנסט צוגעקוקט
און פון מיין ווינקל ווייט פארוקט
דעם שקר אָפּגעשטופּט מיט קראַפט.
געוועזן צום אמת נאָר פאַרשקלאַפט:
קיין געלד, קיין כבוד ניט געגאַרט —
און פיל זיך דאָך ווי אָבגענאַרט...

# איך קלייב זיך אויף דער רייזע

איך קלייב זיך אויף דער רייזע
און פּאַק מיין טשעמאָדאַן,
און ווילט איר אפשר וויסן,
וואָס ס׳איז אין אים פאַראַן?

אַ ליד נאָך ניט דערזונגען,
אַ דורשט נאָך ניט געשטילט;
אַ הויך נאָך ניט דערשטיגן,
אַ מיסיע ניט דערפילט.

מיין רייזע איז אַ וויטע,
דאָך נעמט זי ווייניק צייט:
איך טראָג מיך אויף אַ שנעלצוג
געשווינט צו יענער זייט.

איך מוז מיך זייער איילן,
ס׳גייט מיין טערמין פארביי,
פון וואו איך בין געקומען,
דאָרט צי איך אויף דאָס ניי.

דרום קלייב איך אַלץ צוזאַמען,
וואָס ס׳איז ביי מיר פאַראַן,
און פּאַק עס איין מיט פאָרזיכט
ביי זיך אין טשעמאָדאַן:

אַ ליד נאָך ניט דערזונגען,
אַ דורשט נאָך ניט געשטילט;
אַ הויך נאָך ניט דערשטיגן,
אַ מיסיע ניט דערפילט.

# אַ גאַנצן לעבן שווער געאַרבעט

אַ גאַנצן לעבן שווער געאַרבעט,
אַ גאַנצן לעבן לייכט געזונגען.
דאָך מיין אַרבעט און מיין זינגען
זיינען מיר ניט שטאַרק געלונגען:
פאַר מיין אַרבעט — ברויט בצימצום,
פאַר מיין זינגען — צער בהרחבה...
דאָס איז אַלץ, וואָס כ׳האָב געקראָגן —
און דער סך הכל: שוה בשוה!

# כיהאָב אָפּגעהיט אַ לא תעשה

כ׳האָב אָפּגעהיט אַ „לא תעשה״,
און איך בין שטאָלץ דערמיט:
כ׳האָב ניט מחלל קונסט געווען
קיינמאָל אין לעבן ניט,
מען האָט געזאָגט מיר: — ביזט אַ נאַר,
ס׳וועט פאַלן שטאַרק דיין האָנאָראַר! —
כ׳האָב ניט פאַרשוועכט מיין ליד!

כ׳האָב ניט געזונגען סודות׳דיק,
צו נאַרן ניט געצילט;
נאָר קלאָרע טענער, קלאָרע רייד,
אַזוי ווי כ׳האָב געפילט.
מען האָט געקוקט אויף מיר מיט צער:
— דו וועסט ניט ווערן פּאָפּולאַר —
כ׳האָב ניט פאַרשוועכט מיין ליד!

און לעב איך אויך אין אָרעמקייט,
מיין אומגליק איז ניט גרויס;
און וועל איך בלייבן אומבאַקאַנט,
דאָס מאַכט מיר אויך ניט אויס.
איך האָב צו כבוד ניט געשטרעבט,
נאָר ריין געזונגען, ריין געלעבט
כ׳האָב ניט פאַרשוועכט מיין ליד!

# מיר האָט געחלומט, איך בין טויט

מיר האָט געחלומ׳ט, איך בין טויט און בין צו גאָט געקומען.
און ער האָט ווי אַ טייער קינד מיך אויף זיין שויס גענומען
און זאָגט: „דו האָסט דיין לעבן־לאַנג צום הימל זיך געטראָגן,
און קיין זאַך ניט פאַרלאַנגט פון מיר און קיין זאַך ניט געקראָגן.
געזונגען שטיל אין אָרעמקייט און זינגענדיג געשטאָרבן,
געווען אַ קינסטלער און דערביי געבליבן ניט פאַרדאָרבן,
און דאָס איז אַ גרויסע זאַך, וואָס טרעפט זיך זייער זעלטן:
דערפאַר אליין האָסט שוין געדאַרפט געניסןביידע וועלטן.
דרום וועל איך מאַכן, זאָלסט אויף דר׳ערד פון ס׳ביי געבאָרן ווערן,
און וואָס דו וועסט דיר ווינשן נאָר, וועל איך דיר אלץ באַשערן,
און אינזלען גרינע אויפ׳ן ים, און פעטע תבואה־פעלדער,
און שלעסער פיל פון גאָלד און שטיין און קילע טאַנען־וועלדער.
און ווען דו וועסט פאַרענדיקן אויף דר׳ערד דיין צווייטן לעבן,
דאַן וועל איך דיין באַשטימטן פּלאַץ דיר אין גן עדן געבן.
צופרידן?״ — ניין, מיין ליבער גאָט, איך וויל ניט לעבן מערער:
אַז איינמאָל לעבן איז צו שווער, וועט צוויי מאָל זיין נאָך שווערער.
און רייכטימער? זיי קענען מיר חלילה קאָסטן טייער:
איך וויל ניט זיין פאַרשקלאַפט צו זיי, כ׳וויל זיין אַ מענש אַ פרייער.
נאָר אַז דו ווילסט, איז דאָך ניט שייך, דו קאָנסט דאָך באַפעלן, —
דרום וויל איך, זאָלסט דערלויבן מיר באַדינגונגען צו שטעלן:
איז אויב דו ווילסט, איך זאָל אויף דר׳ערד נאָך זיבציג יאָר זיך זאַמען,
דאַן זאָלסט מיר געבן אומבאַדינגט דיזעלבע טאַטע־מאַמען,
כדי עס זאָל פון זייער גייסט אין מיין נשמה דרינגען
דעם טאַטנ׳ס שאַרפער שטילער וויץ, דער מאַמעס זאַנפטעס זינגען.
און נאָך אַ זאַך, אַלמעכטיגער, וועל איך פון דיר פאַרלאַנגען:
דו זאָלסט מיר געבן מערער פיל און שטאַרקערע געזאַנגען,
אום איך זאָל ווערן אויף דער וועלט אַ דיכטער אַ געקרוינטער; —
צו צער, צו הונגער און צו קעלט, בין איך אַ צוגעוואוינטער...
זאָלסט אויך די זעלבע ווייב און אויך די זעלבע פריינט מיר געבן,
און דאַן נור וועל איך מסכים זיין אויף נאָך אַ מאָל צו לעבן!

# מיין צווייפל אין זיך

דוד פינסקי׳ן אַ מתנה

איך האַלט מיך אָן אַן אַלטן כּלל,
דו מעגסט דיר דאָס פאַרשרייבן:
ווער עלטער איז, וועט פריער גיין,
ווער אינגער איז, וועט בלייבן.

און איך בין עלטער דאָך פון דיר
כּמעט מיט זיבן יאָרן:
ווייל איך טו אַלץ אין איילעניש,
בין פריער איך געבאָרן.

דו האַלטסט ביז איצט נאָך מיינע בריף
פון אַלע, אַלע צייטן, —
זיי זיינען פול אַמאָל מיט וויץ,
אַמאָל מיט נאַרעשקייטן.

ניט לאָך פון מיר, מיין ליבער פריינט,
ווייל כ׳זאָג דאָס מיט אַ שמייכל:
איך ווייס, איך בין אַ קלוגער מאַן,
דאָך פעלט מיר אַפּטמאָל שכל.

איך זאָג דאָס אָפן אָן פאַרדראָס,
איך טו זיך ניט באַקלאָגן;
מיין ווייב, וואָס קען מיך זייער גוט,
וועט אויך דאָס זעלבע זאָגן.

דרום ווינש איך אָפט מיר אין דער שטיל:
ווען דו וועסט נאָך מיר בלייבן,
זאָלסט דו פון מיינע אַלע בריף
נאָר איינציגע אויסקלייבן.

איך וויל, ווען איינער וועט אַמאָל
פילייכט זיי איבערלעזן,
זאָל ער נישט וויסן, אַז דיין פריינט
קיין חכם איז געוועזן...

* * *

אַנטשולדיק מיר, מיין טייערער,
איך מוז איצט איבעררייסן:
איך שפיר פון ס׳ניי אין האַרץ ביי מיר
אַ צופּן און אַ בייסן.

עס קריכט אין מיר אויף אַלע פיר
דער אייביג ווילדער צווייפל —
אַ טייוול, וועלכער שטענדיג גריצלט
אויף זיין פאַרסמטער פייפל.

„אָ, קאַלטער גזלן וואָס דו ביזט,
וואָס ווילסטו פון מיר האָבן?
דו האָסט קיין אַנדער מיסיע ניט
ווי מיט מיין צער זיך לאָבן?

וואָס טראָגסטו שטענדיג פאַר מיין בליק
דעם שווערן פראַגע־צייכן?
דו האָסט דאָך אַלצדינג שוין דערגרייכט,
וואָס קענסטו נאָך דערגרייכן?

נו יאָ, איך בין קיין דיכטער נישט,
בין קיינמאָל ניט געוועזן
און וועל דאָס קיינמאָל מער ניט זיין, —
לאָז ווערן מיר געגעזן!

אַוועק פון מיר און לאָז געמאַך,
ניט ברען מיך אין דיין צאָרן:
בין גאָר נישט נישט, בין קיינער נישט,
בין גאָר נאָך נישט געבאָרן!“

* * *

מײַן דוד, פֿרײַנט מײַן טײַערסטער,
מײַן אײביק העלער שטערן,
װי װאױל מיר איז, װאָס כ׳האָב דערלעבט
דײַן יונתן צו װערן.

איך בין פֿאַר דיר אַן אָפֿן בוך
פֿון שטענדיק אָן געװעזן;
דו קענסט מיך שױן אױף אױסװײניק
פֿון בלעטערן און לעזן.

דו װײסט, װען איך פֿאַרטראַכט מײַן ליד,
דו װײסט, װען איך דאָס ענדיק; —
דאָך װי אַזױ איך פֿלעכט דאָס אױס,
איז זעלבסט מיר ניט פֿאַרשטענדיק.

איך טראָג קײן מאָל קײן פּלאַן מיט זיך,
אַ כאַאָס נאָר פֿון קלאַנגען, —
זײ קומען אײנציקװײַז אַרױס
און כ׳שמיד פֿון זײ געזאַנגען.

איך לעז זײ פֿאַר זיך שרעקעדיק
און ס׳נעמט מײַן האַרץ מיר קלעמען.
כ׳ציטער, איך זאָל חלילה ניט
מײַן אײגן קינד פֿאַרשעמען.

אַזױ האָב איך מײַן לעבן־לאַנג
געצװײפֿעלט און געזונגען —
און ניט געװאוסט, צי איז מיר יאָ
צי ניט מײַן ליד געלונגען.

געחלומ׳ט שװער און נישט געלעבט
קײן מאָל מיט זיך בשלום;

נאָר דו פלעגסט פיל מאָל פותר זיין
צו גוטן מיר מיין חלום.

* * *

איצט הער, מיין צווייפל רעדט צו מיר
שוין אַנדערע דבורים,
און פון מיין שווערן תשעה באב
געמאַכט האָט ער אַ פורים.

ער זאָגט: „באַרואיק זיך, מיין פריינט,
דו ווערסט דורך מיר געגעזן;
און וואָלט איך נישט אין דיר געוועזן,
דו וואָלסט נישט דו געוועזן.

איך האָב שוין לאַנג צוריק געמערקט
און מערק דאָס איצטער ווידער:
וואָס מער איך ברען דיך, פלאַמען אויף
אַלץ שטאַרקער דיינע לידער.

ווייל איך בין דער, וואָס צינדט אין דיר
אַ ריזיקן פארלאַנגען,
צו קעמפען און פארניכטן מיך
דורך פלאַמיגע געזאַנגען.

און וואויל צו דעם, אין וועמען ס'האָט
אַ טייל פון מיר געפלאַקן,
און ווי צום דיכטער, וועלכער ס'האַלט
פאַר מיר זיין האַרץ פאַרשלאָסן.

איך וויל דו זאָלסט פארבלייבן דו,
דרום זיי ניט אָנגעבלאָזן, —
און וויס, ביז אין דיין לעצטן שיר
וועל איך דיך ניט פאַרלאָזן!"

# אַמאָל איז אַן עניו אַ דיכטער געווען

אַמאָל איז אַן עניו אַ דיכטער געווען,
געשעמט זיך דער וועלט צו באַווייזן;
מען האָט נאָר זיין שירה זיין זאַנפטע געהערט
אין נאָנטע באַגרענעצטע קרייזן.

אַזוי האָט ער שטענדיק געזונגען פאַר זיך,
און שטיל איז זיין לעבן געפלאָסן,
ביז וואַנען דער בורא בנשיקה האָט אים
אויף אייביק די ליפּן פאַרשלאָסן.

דאָך גייט ניט קיין איינציקער האַרציקער קלאַנג
פון אמתן דיכטער פאַרלאָרן:
די טענער זיי שוועבן אין לופטן אַרום,
און הילכן אין קינפטיקע יאָרן.

און הערט איר געזאַנגען און ווייסט ניט, פון וואו
זיי זיינען דאָ פלוצלונג געקומען:
די לידער, וואָס ער האָט געזונגען אַמאָל,
זיי האָט איר דאָס איצטער פאַרנומען!

# דער דיכטער

צי גלויבסטו יאָ, צי גלויבסטו ניט:
די וועלט, זי איז און בלייבט א ליד.
און איז דאָס אַלעמאָל געווען,
צייט ווען זי האָט גאָט׳ס ליכט דערזען,
אַז ס׳האָט אין חושך אויפגעטאָגט,
ווען גאָט האָט זיין יהי אור געזאָגט,
און האָט באַגאָסן מיט זיין ליכט
דעם גרויסן אינהאַלט פון געדיכט.
דאָך האָבן יעמאָלט אויף דער וועלט
אי פאַרבן אי מוזיק געפעלט;
האָט גאָט דעם דיכטער אָנגעשטעלט
און אים געזאָגט: — דו גיי מיט גליק
און גיס אַריין פאַרב און מוזיק
אין אַלץ, וואָס שפּראָצט, אין אַלץ, וואָס לעבט,
אין אַלץ, וואָס קריכט, אין אַלץ, וואָס שוועבט,
גיס דיין מוזיק און פאַרב אַריין,
עס זאָל אַ שיר השירים זיין! —
אַן אָנגעגורטער מיט גאָטס וואָרט,
דער דיכטער ציט פון אָרט צו אָרט,
און וואו ער הויכט, דערהילכט אַ טאָן,
און וואו ער בליקט, פאַנגט בליען אָן.
און מיט דעם דיכטערס יעדן טריט
ווערט אַלץ פולקומענער גאָט׳ס ליד!

# צי מיט דיר, צי אָן דיר

צי מיט דיר, צי אָן דיר,
די וועלט גייט איר גאַנג;
זי שטעלט זיך נאָר אָפּ,
ווען ס'פֿאַרפֿעלט איר געזאַנג.

צי טענער פֿון וואוילטאָג,
צי טענער פֿון נויט;
דאָס שטומען פֿון לידער —
א סימן פֿון טויט!

## ניט מאַכט דאָך צו שווער . . .

ניט מאַכט דאָך דאָס לעבן פון דיכטער צו שווער,
ניט ווילט ער זאָל זינגען ווי יענער, ווי דער:
די נאַכט׳גאַל זינגט פיין, דער קאַנאַריק זינגט פיין,
דאָך קאָן איינעמס ליד ווי דעם צווייטנס ניט זיין.
ווייל יעטווידער שטראָם האָט זיין אייגענעם גאַנג
און יעטווידער פויגל זיין אייגענעם געזאַנג.
עס פליסט דאָרט אַ טייך איבער פעלזיקע שטעלן
און וואַרפט אָן אַ שרעק מיט גערויש פון די וועלן;
דער צווייטער ציט רואיק און מאַכט קיין געוואַלטן,
און האַלט אין זיין האַרצן זיין טיפקייט באַהאַלטן.
ער זינגט פון זיין מאַרך איידך, ער זינגט פון זיין בלוט,
ער איז אייך מנדב זיין האָב און זיין גוט.
און ווי אים צו זינגען דער בורא באַפעלט,
אַזוי גיט ער איבער זיין שירה דער וועלט!

## לויבט דאָך דעם דיכטער

לויבט דאָך דעם דיכטער פאַר זיין געזאַנג,
ער דאַרף דערמונטערונג האָבן.
ער קאָן ניט אַזוי ווי אין בינשטאָק די בין
מיט אייגענעם האָניק זיך לאָבן.

האָניק־געזאַנגען דאָס גיט ער דער וועלט,
לויב, — דאָס איז זיין פאַרלאַנגען;
זיין גייסטיקע שפּייז, זיין גייסטיקער טראַנק,
זיין שכר פאַר זיינע געזאַנגען!

# הזכרת נשמות

**ווען** זיין פֿאַרשטאַנד איז שוואַך געוואָרן
און ער האָט זיין טאַלאַנט פֿאַרלאָרן
און איז איינגאַנצן לער געבליבן,
האָב איך צו אים אַזוי געשריבן:

„ווער געגעזן, ווער געגעזן:
ביזט דאָך אַ וואולקאַן געוועזן;
האָסט דאָך אָפּט אי הויך אי ברייט
פֿלאַם און לאַוואַ אויסגעשפּרייט.
אָבער אין די לעצטע יאָרן
קלינגט דיין ליד ווי איינגעפֿראָרן;
זינג ניט מער און וואַרט געדולדיק:
ביזט דער וועלט קיין זאַך ניט שולדיק."

דאָך ווען ס׳האָט דער פּעגאַסוס־רייטער
זיין שוואַכע ליד געצויגן ווייטער
און אויף מיין בריוו זיך שטאַרק באַקלאָגט,
האָב איך צו אים אַזוי געזאָגט:

„אַז דו האָסט געגעבן דער וועלט שוין דיין אַלץ,
דיין פֿלאַם וואָס אין דיר איז געוועזן;
דיין לאַווע, מיט וועלכער גאָט האָט דיך באַגליקט,
ווען דו האָסט די זון קוים דערזען,
טאָ הענג אויף דיין לירע, געבענטשטער פֿון גאָט,
און שלאָף איין אין אייביקער רו;
און האָסטו קיין קראַפֿט ניט צו טאָן דאָס, מיין פֿריינט,
דאַן חתמע די ליפּן דיר צו.
און גיי מיט אַ שמייכל אום אויף דיין געזיכט, —
און שטעלץ ווי אַ לייב טראָג דיין קאָפּ;
און בעט דיך די וועלט, זאָלסט איר זינגען אַ ליד,
דו ענטפֿער מיט שווייגן איר אָפּ.
און וואויל איז דעם דיכטער, וואָס קאָן אַזוי טאָן, —
און וויי, ווען ער ווייטער זיין זינגען האַלט אָן!"

און ווען ס'האָט אָנגעהויבן לאַכן
די גאַנצע וועלט און חוזק מאַכן
פון זיינע שלעכטע ליבע־לידער,
האָב איך אַזוי געזאָגט אים ווידער:

„אַ פויגל, וואָס האָט אין זיין פרילינג פאַרפעלט
מיט קלאַנגען פון ליבע דערפרייען די וועלט,
האָט פּלוצים אין האַרצן דערשפּירט אַ פאַרלאַנג
צו זינגען אין ווינטער זיין ליבע־געזאַנג.
ער גיט אויף אַ צוויַיג פון אַ בוים זיך אַ שטעל
און פאַנגט אָן צו ציען אַ קראַנקהאַפטע טרעל.
דאָך קוים האָט דער פויגל זיך זעלבער דערהערט,
ער האָט באַלד דערפילט, אַז זיין ליד האָט קיין ווערט:
וואָס ס'איז אין זיין פרילינג אין אים ניט געווען,
דאָס קען אין זיין ווינטער געוויס ניט געשען!"

און ווען ער האָט זיין כעס צו שטילן
אויף אַלעמען גענומען „בילן",
דעם אמת ניט געקאָנט פאַרטראָגן,
האָב איך געזאָגט אַזוי צו זאָגן:

„זאָג, דיכטער, וואָס איז דיר געשען?
דו ביזט אַמאָל אַ לייב געווען
און האָסט מיט אַנגסט אונז אָנגעפילט,
ווען דו האָסט אין דיין ליד געברילט;
דאָך איצטער, ווי מיר ניט, אַצונד —
דו בילסט דאָך איינפאַך ווי אַ הונט!
אַ וואָרער הונט פון עק ביז צאָן
און פאַלסט אויף יעדן איינעם אָן.
וואו איז דיין שטאַרקער לייבן־קול?
וואו איז דיין ליד, זאָג, פון אַמאָל?
איך ווייס גאַנץ גוט: דו בילסט פאַר נויט,
צו ווייזן, אַז דו ביזט ניט טויט.

דאָך איך, איך זאָג און בלייב דערביי:
טוב אריה מת מכלב חי!"*)

דאָך ווען עס איז זיין צייט געקומען
און גאָט האָט אים צו זיך גענומען,
האָב איך אין אומעטיקער נאַכט
אין האַרץ ביי זיך געטראַכט:

„ס'איז אמת, ביזט געווען פאַרדאָרבן,
דאָך טוט מיר וויי, וואָס ביזט געשטאָרבן:
כאָטש מענש זיין איז דיר ניט געלונגען,
דאָך האָסטו וואויל אַמאָל געזונגען!"

*) „בעסער אַ טויטער לייב ווי א לעבעדיקער הונט."

# גאַנץ עגאַל

פון וואָס דו זינגסט איז גאַנץ עגאַל ;
קיין זאַך איז ניט אָריגינאַל.
ווייל, וואָס דו טראָגסט ניט אין געדאַנק,
האָט איינער שוין באַזונגען לאַנג.
אין ו ו י נאָר, טייערער פּאָעט.
מוז זיין אָריגינאַליטעט !

## נאַשן

און נאַשט דו, מיין חבר, כ׳בין ניט איבעראַשט:
עס האָבן פיל גרעסערע דיכטער גענאַשט.
געזויגן פון אַנדערע, געשניטן אַ פעל,
איין אדם הראשון איז אָריגינעל.
מיך אַרט ניט דאָס פרעמדע, וואָס הילכט אין דיין שיר, —
נאָר גיב דאָך דער וועלט וואָס צו נאַשן פון דיר!

## וואָס לערער אַלץ פולער

און הונגערסט דו, דיכטער,
וואָס מאַכט עס דיר אויס?
דו נעמסט און דו זינגסט דיר
אַ לידעלע אויס.

און פריילאַך דיין האַרץ ווערט
און לייכט דיין געמיט:
וואָס לערער דיין מאָגן,
אַלץ פולער דיין ליד!

## צום יונגן

און ביזט דו זייער ווייט פון מיר,
יונגער —
כ׳באַוואונדער דאָך דיין נייעם שיר,
יונגער —
און זינגען מיר ניט ביידע גלייך,
יונגער —
מיר זיינען ביידע גלייך דאָך רייך,
יונגער! —

# אַן עצה צו אַ דיכטער

זאָגסט ביזט טראַגעדיג געוואָרן
מיט אַ לידל היינט ?
נעם דאָך, ברודער, אָן אַן עצה
פון אַ גוטן פריינד.

ווילסט אַ לידעלע געבערן
וואָס זאָל קלינגען פיין ?
פּאַס אויף, דיכטער, זאָלסט חלילה
נאָר ניט מפּיל זיין.

אַ געזאַנג פון דיכטערס האַרצן
איז דאָך ווי אַ קינד :
ווערט עס פאַר דער צייט געבאָרן,
איז עס שוואַך און בלינד.

שלעפּ דאָרום קיין שווערע משא,
גיי נישט באַרג ארוף, —
מעסט פון דיין טאַלאַנט די כחות,
פּונקט ווי פון דיין גוף.

האָסטו שוין דיין ליד געבאָרן,
דרוק עס ניט אויף גיך :
זע דיין עופ׳עלע צו פלעגן
מערער צייט ביי זיך.

וועט עס דאַרפן יאָרן נעמען,
מאַכט עס אויך ניט אויס ;
פּאַס אויף, ברודער : מיט קיין טומטום
זאָלסטו ניט ארויס !

# מיר דיכטער

צי גלויבסט דו ניט, צי גלויבסט דו יאָ,
עס זיינען הונדערט דיכטער דאָ;
יאָ, הונדערט דיכטער, אַז אָך און וויי,
און איך בין איינער צווישן זיי!

און יעדער פון זיי שטייט פאר זיך אויף די קני,
מיינט, ער איז דער איינציקער און אַ זשעני:
יאָ, אַ זשעני, אַז אָך און וויי,
און איך בין איינער צווישן זיי!

מיין ערנסטע מיינונג? וואָס מאַכט עס אויס?
כ'האַלט יעדן פון זיי פאר ריזיג גרויס:
אַ הונדערט זשעניען, אַז אָך און וויי,
און איך, — דער גרעסטער צווישן זיי!

# חיים און יוסף

חיים און יוסף — צוויי אין איינס:
ביידע זיינען — איך.
חיים איז אַ רייכער מאַן,
יוסף גייט אַן שיך.

חיים האָט זיך זעלבסט נאָר האָלט,
ווייטער קיינעם ניט; —
יוסף ליבט די גאַנצע וועלט,
זינגט ער איר אַ ליד.

* * *

עס בוקט זיך די וועלט צו דער גאָלדענער קאַלב;
און איך — צו דער ווייסער טויב און דער שוואַלב.
צום סימבאָל פון שלום און רו פאַר דער וועלט,
צום אָנזאָג פון פרילינג, צום סוף פון דער קעלט.

* * *

איך טראָג ניט קיין נעגל, איך טראָג ניט קיין שטעקן,
קיין שאַרפע ציינער אַ חשד צו דערוועקן,
אַז איך קען שלאָגן, קראַצן און בייסן
און ווי אַ ווילדע חיה צורייסן.

די ליבע האָט מיר די נעגל געשאָרן;
פון הונגער האָב איך די ציינער פאַרלאָרן, —
און איך האָב אליין צובראָכן מיין שטעקן,
עס זאָל זיך קיינער פאַר מיר מער ניט שרעקן.

* * *

חיים שמייכעלט, חיים רעדט,
יוסף הערט זיך איין:
„גוטער ברודער, ס׳וועט פון דיר
שוין קיין לייט ניט זיין:

„מיט געזאַנג איז פול דיין האַרץ
און מיט שטרוי — דיין קאָפּ:
אָ, די ליבע שערט דאָך דיר
דיינע נעגל אָפּ!

„ווער די גאַנצע וועלט טוט ליבן,
האָט זיך אומקום אויסגעקליבן;
ווילסטו ניט פאַרלאָרן גיין,
ליב דאָך, פריינד, נאָר זיך אַליין!

„ווילסטו, ברודער, גרינג דיר לעבן,
זאָלסטו נעמען און ניט געבן;
צי מיט קראַפט צי מיט פאַרשטאַנד,
לייג אויף אַלץ ארויף דיין האַנד.

„מאַכסטו היינט דיר אַ פאַרמעגן,
וועט די וועלט ביי דיר נישט פרעגן,
ווי אַזוי דו האָסט געמאַכט
דיין עשירות איבער נאַכט.

„האָסטו ציינער, — זאָלסטו בייסן,
האָסטו נעגל, — זאָלסטו רייסן;
האָסט אַ שטעקן מיט אַ קנאָפּ,
זשאַלעווע ניט יענעמ׳ס קאָפּ.

„ביזט אַ זינגער שוין קיין יונגער
און דו שטאַרבסט נאָך אַלץ פאַר הונגער:
אָבגעצערט דיין קינד און פרוי,
יוסף, ס׳איז ניט רעכט אַזוי:

ווען עס בייטן זיך די צייטן,
מוז דער מענש מיט זיי זיך בייטן; —
ווער עס חלומ׳ט, זינגט און וואַרט,
דער בלייבט שטענדיג אָפּגענאַרט.

„דיינע לידער — דיינע צרות,
ס׳דאַרף די וועלט זיי אויף כּפּרות;
ווער עס הערט צו זיי זיך צו,
איז אַ נאַר אַזוי ווי דו!“

* * *

יוסף בלייבט שטיין ווי באַנומען,
קען אַ צייט צו זיך ניט קומען:
ס׳טוט אים וויי, עס טוט אים באַנג
שיידן זיך מיט זיין געזאַנג.
דאָך אין חיים׳ס שטאַרקער שפּראַך
איז דאָך אמת דאָ אַ סך:
אָפּגעצערט זיין קינד און פרוי,
טאַקע ס׳איז ניט רעכט אזוי.
יוסף וויינט און יוסף לאַכט,
וואַרפט אין בעט זיך אום און טראַכט:
חיים, ס׳איז צו גרויס דיין מאַכט!
ווערן רייך — מיט וואָס איז שלעכט?
דאַכט זיך, דו ביזט יאָ גערעכט!

* * *

„גיב מיר, גאָט, דאָס וואָס דו האָסט
ביז היינט נאָך ניט געגעבן:
גיס מיר האָס אין האַרץ אריין,
איך דאַרף דאָס, ווי מיין לעבן:

„האָסט מיר ליבע איינגעהויכט
און אָנגעטאָן אַ פּאַנצער;
כ׳בין דאָך נאָר אַ האַלבער מענש —
און איך וויל זיין אַ גאַנצער!“

* * *

מזל טוב, דיר, יוסף,
דו ביזט ניי געבאָרן:
פון דעם דיכטער יוסף
חיים איז געוואָרן.

יוסף ווערט שוין פּראַקטיש,
ביסלעכווייז פאַרדאָרבן;
חיים הייבט אָן לעבן,
יוסף איז געשטאָרבן.

יוסף קאָן שוין נאַרן,
קאָן שוין זאָגן ליגן;
יוסף קאָן פאַר קליינגעלט
זיינע פריינד באַטריגן.

יוסף האָט שוין נעגל,
יוסף קאָן שוין קראַצן;
יוסף פאַנגט אָן בויען
מאַרמאָרנע פּאַלאַצן.

יוסף קאָן שוין שילטן,
וויל מער קיינעם בענטשן, —
יוסף, ביזט שוין חיים,
מענטש ווי אַלע מענטשן.

מזל טוב דיר, יוסף.
דו ביזט ניי געבאָרן:
פון דעם דיכטער יוסף
חיים איז געוואָרן.

* * *

יוסף, דו ביזט רייך ווי קורח —
און דו זעסט אויס ווי אַן אורח
ביי אַ קאַרגן בעל הבית.

האָט אַן אונגליק דיר געטראָפן?
האָסטו אַ געשעפט פאַרשלאָפן?
רייד, דערצייל!

צייט דו ביזט, פריינד, רייך געוואָרן,
האָסט דיין פריילעכקייט פאַרלאָרן;
זאָג פאר וואָס?

ס׳פלעגט דיין בליק ווי פייער ברענען,
איצט איז שווער דיך צו דערקענען:
ביזט ניט דו.

שפּירסטו אפשר אַ פאַרלאַנגען
טיף אין האַרצן פאר געזאַנגען?
זינג דאָך, זינג!

ווען פון ס׳ביי דיין ליד דערהערן,
וועט דיר אפשר פריילעך ווערן,
ווערן גרינג!

* * *

חיים, יוסף, — צוויי אין איינס,
ביידע זיינען — איך.
חיים איז אַ רייכער מאַן,
יוסף גייט אָן שיך.

חיים האָט זיך זעלבסט נאָר האָלט,
ווייטער קיינעם ניט;
יוסף ליבט די גאַנצע וועלט,
זינגט ער איר אַ ליד.

* * *

ניין, איך בין שוין לאַנג ניט איך:
איך בין אומגעקומען.
ס׳האָט דער טייפל מיך פאַרלאָקט
און מיט זיך גענומען.

ניט פאַרגיב, גאָט, מיינע זינד
אויב איך בין דיר טייער;
ניט אין וואַסער טובל מיך,
לייטער מיך אין פייער.

איך וויל צאָלן מיט פּראָצענט,
צאַפּלען זיך און ברענען;
ביז איך וועל מיין אייגן איך
פון דאָס ניי דערקענען!

## ווען ענדיק איך די לידער?

איך וואַך און שאַרף מיין מח
ביז שפּעט א יעדע נאַכט!
ווען ענדיק איך די לידער,
וואָס איך האָב שוין פאַרטראַכט?

זיי זיינען אזוי פיל דאָך
און קורץ איז שוין די צייט:
איך בין אַן אַלטער זינגער,
מיין סוף איז שוין ניט ווייט.

און איך דערהער א שטימע:
פאַרשטער דיר ניט דיין שלאָף;
בלייבסט שטענדיק נאָר ביים אָנהייב,
קומסט קיינמאָל ניט צום סוף.

ווייל פיל דו זאָלסט ניט שעפן,
דו פילסט ניט אָן דיין קרוג;
און פיל דו זאָלסט ניט לעבן,
ווערט אלץ ניט זיין גענוג!

# דוכטעניש

# דו זינגסט רק פון ליבע

(אברהם ליעסינען)

„דו זינגסט רק פון ליבע,"
זאָגט ליעסין צו מיר.
„אלץ מיידלאך און ווייבלאך,
ווי לאַנג איז דער שיעור?

פאַרגעס ניט, דו ביזט שוין
א זקן אָ מאַן, —
ס'איז אויך פון וואָס אַנדערס
צו זינגען פאַראַן!"

— אָ, ליבער פריינט ליעסין,
איך ווייס עס גאַנץ גוט:
כ'בין אַלט שוין אין יאָרן,
דאָך זידט נאָך מיין בלוט.

די ליבע צום אידן
געוועלטיקט אין דיר;
די ליבע צו פרויען
— אין האַרצן ביי מיר!

# גאָט האָט מיר אַ דורשט געליען

גאָט האָט מיר אַ דורשט געליען,
צאָל איך אים פּראָצענט:
טרינק איך וויין און טרינק איך קאָניאַק,
ביז אין מח ברענט.
וואָכער צאָלן זויגט ביים מענשן
אויס זיין מאַרך און בלוט: —
איך, וואָס מער איך צאָל אים וואָכער,
מער אַלץ פיל איך גוט.

גאָט האָט ליבע מיר געליען,
צאָל איך אים פּראָצענט:
קוש איך יונגע פרישע ליפּלאַך,
דריק איך צאַרטע הענט.
און די הויכע צינזן־צאָלן
פאַלן מיר ניט שווער; —
אומגעקערט, וואָס מער איך צאָל אים,
וויל איך צאָלן מער.

גאָט האָט מיר אַ קול געליען,
צאָל איך אים פּראָצענט:
זינג איך טאָג און נאַכט אים שירה,
צאָל אים אָן אַן ענד.
און וואָס מער איך צאָל מיין שולד אָפּ,
אַלץ מער פיל איך פיין; —
קום איך צו מיין בורא, וועל איך
קיין בעל־חוב ניט זיין!

# ניט געשטויגן, ניט געפלויגן

מיידל, הייס געליבטע מיידל,
מיט די פרומע בלויע אויגן;
וואונדער־קינד פון מיין פאַנטאַזיע,
ניט געשטויגן, ניט געפלויגן.
איידער כ׳האָב דיך נאָך באַשאַפן,
האָט מיך שוין צו דיר געצויגן.

ווי וואָלט איך דיך הייס אומאַרמען,
צאַרטער אויסדרוק פון מיין זינען;
וויפיל הימלישע חלומות
וואָלט איך אויף דיין בוזים שפינען; —
דאָך, וואָס איך האָב זעלבסט באַשאַפן,
קאָן איך ערגעץ ניט געפינען.

דאָך, אָן דיר, קינד פון פאַנטאַזיע,
איז דאָס לעבן אַזוי טרוקן;
און איך מאָל אין דיר מיין בילד אויס
פאַר מיין אינערן אויג צו קוקן, —
ווי מען שאַפט אַמאָל אַן אָפגאָט,
אום פאַר ווענען זיך צו בוקן.

זיי געבענשט, מיין הייס געליבטע,
מיט די פרומע בלויע אויגן;
וואונדער־קינד פון מיין פאַנטאַזיע,
ניט געשטויגן, ניט געפלויגן.
ווען איך וואָלט דיך ניט באַשאַפן,
וואָס וואָלט איצט מיין לעבן טויגן?

# וואָס איך זוך איצט אין דעם קאָרן

וואָס איך זוך איצט אין דעם קאָרן?
פונקט אין דער צייט פאַראיאָרן
האָב איך דאָ מיין האַרץ פאַרלאָרן,
זוך איצט דאָס אין דעם קאָרן.

פיל מיט פלאַמיקע פאַרלאַנגען
דורכן פעלד פון קאָרן־זאַנגען
בין איך שפּעט ביינאַכט געגאַנגען,
פול מיט פלאַמיקע געזאַנגען.

פלוצלונג, וואָס זאָל דאָס באַדייטן?
כ׳הער אַ וויינען פון דערווייטן,
כ׳קוק און זוך אין אַלע זייטן, —
טאַקע, וואָס זאָל דאָס באַדייטן?

אויבן פינקלען העל די שטערן,
אונטן גיסט אַ מיידל טרערן:
„ווי מיר, וואָס וועט פון מיר ווערן!

אין דעם קאָרן אומגעלאָפן,
מיד געוואָרן, איינגעשלאָפן
און דעם וועג ניט מער געטראָפן."

— מיידל, ס׳וועט קיין שלעכטס פּאַסירן,
כ׳וועל צום ברייטן וועג דיך פירן;
האַלט מיך, זאָלסט זיך ניט פאַרלירן,
וויין ניט, ס׳וועט קיין בייז פּאַסירן.

פול מיט פלאַמיקע פאַרלאַנגען,
דורך די הויכע קאָרן־זאַנגען
זיינען מיר צום וועג דערגאַנגען,
פול מיט פלאַמיקע פאַרלאַנגען.

„זאָג מיר, בחור, כ׳בעט דיך כ׳לעבן,
האָסט געראַטעוועט מיין לעבן,
וואָס זאָל איך דערפאַר דיר געבן ?
זאָג מיר, בחור, כ׳בעט דיך כ׳לעבן ?"

— נאָר איין קוש און ווייטער גאָר ניט. —
זאָגט זי : „ניין, מיין פריינט, מען טאָר ניט !"
— נו טאָ גיי דיר, דאַרף מען גאָר ניט.
נאָר איין קוש און מער קיין האָר ניט. —

זאָל איך טאַקע אַזוי לעבן :
זי האָט מיר אַ קוש געגעבן,
אויפן מויל און ניט דאַנעבן,
זאָל איך טאַקע אַזוי לעבן !

וואָס איך זוך איצט אין דעם קאָרן ?
פונקט אין דער צייט פאַראַיאָרן
האָב איך דאָ מיין האַרץ פאַרלאָרן :
זוך איך איצט דאָס אין דעם קאָרן !

# העי, העי, העמערל

העי, העי, העמערל,
זאָג, ווער קלאַפּט אין קעמערל,
זאָג, ווער קומט דאָס אַזוי פרי?
זאָגט דאָס העמערל: „ס'איז זי."
— זי, די גוטע ליבסטע מיין?
לאָז זי, העמערל, אַריין!

מיידל פיין, דו ביזט געקומען,
זע, כ'האָב אָנגעגרייט דיר בלומען:

רויטע רויזן בונטע קעפּ
שמייכלען פון די בלומען־טעפּ;
ווייסע ליליען צאַרט און שלאַנק
ווינקען צו זיי פון דער באַנק.

העי, העי, העמערל,
קלאַפּ אין צווייטן קעמערל!
דו זאָלסט עפענען די טיר
פאַר מיין ליבינקער און מיר!

מיידל, קום, איך וועל דיר ווייזן
פולע שיסעלאַך מיט רויזן,
פולע טעפּעלאַך מיט גאָלד,
ליבינקע, איך האָב דיך האָלד!

העי העי, העמערל,
האַלט די וואַךביים קעמערל!
ווער ס'וועט קומען, ווער ס'וועט זיין,
לאָז מער קיינעם נישט אַריין!

איז אין קעמערל דאָ קיינער,
נאָר דו איינע און איך איינער —
גיב מיר, ליבינקע, דיין האַנט,
קינדער ליבן זיין באַנאַנד.

קינדער אין אַ מאָרגן שטילן
ליבן פאַרוויז זיך צו שפּילן —
קום, איך וועל דיר היינט ווי נעכטן,
דיינע שוואַרצע צעפּ צופלעכטן
און פאַרפלעכטן פון דאָס ניי
אין דער קינדער־שפּילעריי!

העי, העי, העמערל,
שטרענגע וואַךביים קעמערל!
ווער ס׳וועט קומען, ווער ס׳וועט זיין,
לאָז דאָך קיינעם נישט אַריין!

איך וועל קיינעם מער נישט ווייזן
מיינע שיסעלאַך מיט רויזן,
מיינע טעפּעלאַך מיט גאָלד —
איר נאָר, ווערמען איך האָב האָלד!

* * *

ליבסטע, קום דאָך אויף מיין שויס,
רו די שלאַנקע גלידער אויס;
און איך וועל דיך שטיל פאַרוויגן
מיט אַ זאַנפטן קינדער־ניגון:
ליו־ליו, מיידעלע, ליו־ליו,
שליס די קלאָרע אויגלאַך צו!

ביזט דו מיד און מאַט געוואָרן,
אויף מיין שויס ווערסט ניי געבאָרן;
לייג דיין קעפּל אויף מיין ברוסט,
הערסט, ווי ס׳זינגט פון ליבעס־לוסט?
ליו־ליו, מיידעלע, ליו־ליו,
שליס די קלאָרע אויגלאַך צו!

האָסטו אויסגערוט די גלידער,
פאַנגען מיר די שפּיל אָן ווידער
און איך וועל דיר היינט ווי נעכטן
דיינע שוואַרצע צעפּ צעפּלעכטן,
און פאַרפּלעכטן פון דאָס ניי,
אין דער קינדער־שפּילעריי!

* * *

„קעם די לאָקן מיר, נאָר רייס ניט."
— קוש די ליפּן מיר, נאָר בייס ניט.
„מיטן קושן קומט אַ ביס."
— מיטן קעמען קומט אַ ריס.

— מוזט דו בייסן, זאָלסט דו בייסן.
„מוזט דו רייסן, זאָלסט דו רייסן."

בייס די ליפּן מיר ביז בלוט,
און פאַרצער מיך אין דיין גלוט! —

* * *

העי, העי העמערל,
האַלט די וואַך ביים קעמערל,
ווער ס'וועט קומען, ווער ס'וועט זיין,
לאָז דאָך קיינעם ניט אַריין!

העי, העי, העמערל!

# זאָל עס דונערן און בליצן

זאָל עס דונערן און בליצן,
זאָל דער דלות ביי מיר זיצן,
זאָל עס אָנצינדן מיין דאַך, —
זינג איך מיר אַ ליד און לאַך!

לעבן לעב איך מיט זכות־אבות,
טרייב איך שטענדיק נאָר קאַטאָוועס:
פאַר מיין זינגען קריג איך דאָך
ניינצן גראָשן יעדע וואָך.

נעם איך מיינע ניינצן גראָשן,
האַנדל איין מיר יין ישן;
ווערט מיר פריילאַך, ווערט מיר גוט,
ווערט מיר וואַרימער מיין בלוט.

איז מיין בלוט מיר אָנגעוואַרמט,
מיט א חוה׳לען געאַרמט
גיי איך מיר אין פאַרק אַרויס,
ווערט מיין שמחה טאָפּלט גרויס.

זאָל עס דונערן און בליצן,
זאָל דער דלות פונקען שפּריצן,
זאָל ער אָפּברענען מיין דאַך,
זינג איך מיר מיין ליד און לאַך!

# שמיד איך לידער

שמיד איך לידער, שפּריצן פונקען.
האַלט ניט מער דיין קאָפּ געזונקען;
מיידל, ווייס, דו ביזט מיר טייער —
און פון פונקען ווערט אַ פייער
און פון פייער ווערט אַ פלאַם.
שמיד איך לידער דאָך ניט סתם:
ס׳וועט אַ פונק אין דיר פאַרפליען
אין דיין האַרץ פאַנאַנדערגליען;
וועלן מאַכטיקע צוויי פלאַמען
זיך צונויפגיסן צוזאַמען.
האַלט ניט מער דיין קאָפּ געבויגן,
הייב צו מיר אויף דיינע אויגן.
אַט אַזוי בין איך צופרידן . . .
אייביק וועל איך שטיין און שמידן;
יעדן קלאַנג אין פייער טונקען:
שמיד איך לידער, שפּריצן פונקען!

## זע

**זע**, ווי ס׳פלאַקערט דער קאַמין!
ווי מיין ליבע צאַפּלט דרין . . .
פייער־צונגען דיר אַנטקעגן
שפּרייטן ליכט אויף אַלע וועגן;
קוק, קאַפּריזנע ליבסטע מיין!
כ׳וואַרף אַריין אין פלאַם מיט שטאַלץ
שטיקער האַרץ פאַר שייטלאַך האָלץ,
ס׳זאָל זיך אויסלעשן ניט קענען,
עס זאָל ברענען, ברענען, ברענען,
דיר זאָל העל און וואַרעם זיין . . .
קוק, קאַפּריזנע ליבסטע מיין!

## נאָר דאָס בין איך אויסן

**נאָר** דאָס בין איך אויסן,
מיר זאָלן פון צימער ארויסגיין אין דרויסן
און שטיל אונז פאַרקלייבן אין ווינקל פון גאָרטן
און בלייבן צוזאַמען א ווייליקנע דאָרטן.

ניט מער בין איך אויסן.
דו זעסט ווי עס ווערט שיין פיל טונקעלער דרויסן?
איצט קענען מיר ביידע אונז פלאַמיג אומאַרמען,
אין פרילינג אין קילן די הערצער דערוואַרמען.

נאָר דאָס בין איך אויסן.
דו זעסט, ווי עס איז שוין גאַנץ פינסטער אין דרויסן?...

## ניט אַנטפּלעק זיך

און דיין נשמה זאָלסטו מיר אינגאַנצן ניט אַנטפּלעקן,
נאָר לאָז אַ קליינעם טייל אין דיר פאַר מיר אים צו אַנטדעקן.
און וויס, אַז מיין געניוס איז ניט אַליין נאָר דאָס געניסן;
ער איז ביי מיר אַמשטאַרקסטן גאָר אין וויסן און ניט וויסן:
אין זוכן און ניט טרעפן דאָס, אין שטריקן און אין דריבלען:
אין גריבלען זיך אין פינסטערניש און דאָך זיך ניט דערגריבלען!

און אויך דיין יונגן לייב זאָלסטו דעם גאַנצן מיר ניט ווייזן,
פאַר מיין פאַנטאַזיע לאָז אַ טייל, מיט וואָס זי זאָל זיך שפּייזן.
און צייגסטו מיר דיין נאַקעטקייט, איך וועל דיך מער ניט וועלן:
האַלב אַנגעטאָן, האַלב אויסגעטאָן נאָר קענסטו מיר געפעלן.
און איך וועל לייגן אויף דיין ברוסט די רויטסטע־רויטע רויזן:—
פאַרצערן זיך אין אייג'נעם פלאַם און דאָך דיך ניט אַנטבלויזן!

## דו האָסט מיט הונדערט לידער

דו האָסט מיט הונדערט לידער
מיך רייכער, קינד, געמאַכט;
דאָך אָרימער נעמט ווערן
מיין שלאָף אַ יעדע נאַכט.

און בלייכער ווערט מיין פּנים,
און ס'האַרץ איז מער ניט לייכט;
און אָפטמאָלס אויך דערשפּיר איך,
ווי ס'ווערט מיין בליק מיר פייכט.

# מיט אַ שלייף

איך האָב געליבט זי מיט א שלייף, —
זיך ניט געוואָלט פאַרקניפּן.
און ציטערן פלעגט דאָס האַרץ אין מיר
ביים פּיטערן די ליפּן.

איך האָב געטראַכט: קוים וועט אין מיר
די ליבע מער ניט גליען,
כ׳נעם דעם שלייף אָן פאַרן ענד,
אים פאַנאַנדערציען.

און ווידער וועל איך פראַנק און פריי
די גאַנצע וועלט דורכלויפן,
און מיט אַן אַנדער מיידעלע
פונם נייעם זיך פאַרשלייפן.

אַזוי האָב איך געטראַכט ביי זיך,
ביז ס׳איז די צייט געקומען.
פון גרויסער איילעניש האָב איך
דעם פאַלשן ענד גענומען.

איך גיב אַ צי און זאָג צו איר:
„איצט זיי געזונט, געליבטע!״
און על פי טעות זיינען מיר
געבליבן דאָך פאַרקניפּטע!

# די פּראָצענטניקעס

איך גיב אים א טאָג פון מיין לעבן
אין ארבעט אין שווערער אַוועק.
ער וואַרפט מיר דערפאַר צו א דאָלער,
כ׳זאָל קענען מיין לעבן דערהאַלטן
און ברענגען אים מאָרגן פון נייעם
א קרבן — א ליכטיקן טאָג.

איך טראָג פון מיין האַרטן געלעגער
מיין קישן מיין לעצטן צו אים.
ער גיט מיר דערויף קוים א גילדן,
כ׳זאָל קענען דערציען ביז מאָרגן,
און זאָל אים דאן ברענגען וואָס גיכער
א משכן א נייעם פון שטוב.

כ׳בין מקריב די צאַרטסטע געפילן,
מיין לעבן אלס קרבן צו איר.
זי גיט מיר איין ליבליכן בליק נאָר,
איך זאָל מיין נשמה דערקוויקן
און ברענגען אלץ ברענגען אָן אויפהער
אומצייליקע אָפּפער צו איר.

# ברילן

1

יעדער מענש האָט אַנד׳רע אויגן,
יעדער קוקט דורך אַנד׳רע גלעזער.
מאַנכע זעען קלאָר פון ווייטן,
מאַנכע נאָר וואָס פאַר די נעזער.

און עס וויל קיין איינער גלויבן
אַז אויך יענעמס צייגן ליכטיק;
מיינט, דעם צווייטנס ברילן פעלשן
און נאָר זיינע וויזן ריכטיק.

2

איך זע אַנדערש, זי זעט אַנדערש:
ליידן אונזערע געפילן.
זי פאַרוויינט און איך פאַרצאָרנט:
יעדער קוקט דורך זיינע ברילן.

לאָמיר בייטן די שפּאַקולן,
ליבסטע. שטאָט צו גיסן טרערן,
קוק דורך מיינע, איך דורך דיינע —
וועט אונדז אפשר העלער ווערן!

3

האָב געקוקט דורך אירע ברילן,
איז זי יאָ גערעכט געווען.
האָב איר מיינע אָנגעמאָסטן,
האָט זי קיין זאַך ניט געזען:

פיל צו ווייטזיכטיק די גלעזער
און זי זעט דורך זיי צו שלעכט;
איז ביי איר אין האַרץ פאַרבליבן,
אַז זי שטענדיק איז גערעכט.

און זי בעט, כ׳זאָל דאָס איר זאָגן:
גלעט און צערטלט מיך און קושט.
כ׳גיב עס צו איר מיט אַ שמייכל
און אַ ווייטיק אין מיין ברוסט.

## זיינען מיר איינמאָל שפּאַצירן געגאַנגען

זיינען מיר איינמאָל שפּאַצירן געגאַנגען,
יעדער אין האַרצן מיט זיינע פאַרלאַנגען.

גייען מיר ביידע, גייען און שווייגן ;
זי וויל אין טאָל אַראָפּ, איך — דעם באַרג שטייגן.

גייט זי נאָך אונטן, געפינט זי אַ בלימל ;
שטייג איך נאָך אויבן, געפין איך אַ הימל.

ברענגט זי דאָס בלימל מיר : „נעם דאָס, מיין לעבן !" —
זיפץ איך, ווייל כ׳קען איר דעם הימל ניט געבן . . .

## לאָמיר זיך צואווערטלען

לאָמיר זיך צואווערטלען, ליבסטע,
און דערנאָך זיך איבערבעטן.
נאָך א קורצ׳ן ליבעס-שטורם
זיינען וואַרימער די גלעטן.

און די בליקן גלאַנצן, פינקלען
מיט א צאַרטן ליבעס-ציטער, —
ווי דעם פרילינגס זונענשטראַלן
באַלד נאָך א געוויטער !

# כ׳וויל נישט וויינען

כ׳וויל נישט וויינען, ווען זי וויינט,
כ׳וויל נישט לאַכן, ווען זי לאַכט;
דאָך זי האַלט מיך אין איר מאַכט:
וויינט זי, וויין איך מיט מיט איר,
לאַכט זי, לאַך איך מיט מיט איר; —
גאָט אין הימל, וואָס איז מיר?

אַזאַ כשוף אין איר בליק!
כ׳פאָלג איר נאָך אויף טריט און שריט,
כ׳האָב אויף זיך קיין שליטה ניט:
יעדן וואונש דערפיל איך איר,
איר געדאַנק דערפיל איך איר,
כ׳ווייס ניט מער, וואָס איז מיט מיר?

כ׳קאָן ניט לעבן מער אזוי!
אייערנעכטן ביי דער נאַכט
האָב איך זעלבסטמאָרד שוין פאַרטראַכט;
דאָך איין איינציק בליק פון איר
לאָזט מיך נישט אוועק פון איר,
וואָס וועט זיין דער סוף פון מיר?

הער דאָך, גאָט, מיין תפילה צו:
ס׳איז מיין לעבן אזוי שווער,
כ׳האָב קיין אייגן איך ניט מער; —
נעם מיך, דו, אוועק פון איר,
נעם מיך שנעל אַוועק פון איר:
כ׳ווער משוגע, ווי איז מיר!

# אָ, יאָרן איר יונגע

וואו זייט איר, איר יונגע און גליקלאכע יאָרן?
גלייך נאָכדעם, ווי כ׳בין באַלאַבעסל געוואָרן,
פלעג איך מיט מיין ליבסטער גאַנץ אָפט זיך צוקריגן,
דאָך פלעגט אין דעם קריג זיין א שטיק פאַרגעניגן;
דער קוש, און דער ביס, איז געוועזן אונז טייער:
אין אַלץ האָט געברענט און געלויכטן א פייער.
און קוק איך צוריק צו מיין יוגנט פון ווייטן,
פאַרבענקט זיך מיר שטאַרק נאָך אמאָליקע צייטן.

מיר זיינען, ווייזט אויס, אין פאַרלויף פון די יאָרן
גאַנץ איינער אין צווייטן געגאַנגען פאַרלאָרן,
און שטיל איז אין האַרצן און שטיל איז אין צימער
און איך בין ניט איך מער און זי איז ניט זי מער;
מיר לעבן זיך גליקלאַך, צופרידן צוזאַמען —
דאָך פעלן די ברעניקע קנאקיגע פלאַמען,
די פלאַמען, וואָס גאָט האָט דער יוגנט געגעבן,
זיי זאָלן פאַרצערן און שאַפן דאָס לעבן.

## קום מיט!

איך ליב דיך, געליבטע, איך ליב דיך אָן שיעור
און בין דיר געטריי אויך, ווען דו ביזט מיט מיר.
דאָך קוים בין איך ווייט פון דיר, איינער אליין,
איז דאָבע צו ליבליך און אָלגא צו שיין.
פֿאַס אויף, מיין געטרייע, און בלייב ביי מיין זייט,
ניט לאָז מיך אוועק פון דיר, ליבסטע, צו ווייט;
ווייל איך בין קיין מאָל ניט קיין מלאך געוועזן:
אָ, מאַלע, וואָס ס׳קען מיט א מאַנסביל געשען!

אויך איצט, ווען כ׳בין עלטער און גרוי ווערט מיין קאָפּ,
ניט לאָז מיך, מיין טייערע ווייט פון זיך אָפּ:
קוים בין איך אויף רייזן, נעמט זידן מיין בלוט,
און שפרה איז שעלמיש און אסתר — פול גלוט;
און ס׳ציט מיך צו זיי אלץ... מיין תמימעסע פרוי,
אַ מאַנסביל, ער איז פון געבורט שוין אזוי —
קום מיט! איך בין קיינמאָל קיין מלאך געוועזן:
אָ, מאַלע, וואָס ס׳קען מיט א מאַנסביל געשען!

העלף זאָגן מיר ווידוי, מיין ערלאכע ווייב,
מיין שותּף געטרייער אין גייסט און אין לייב;
איך בין דיר געוועזן און וויל בלייבן געטריי —
דארום וועל איך אויך שטארבנדיק זיין מיט דיר פריי:
אין הימל איז אָלגא, מיט ליפּעלאך רויט, —
און דאָבע די שיינע איז אויך שוין לאַנג טויט.
קום מיט, איך בין קיינמאָל קיין מלאך געוועזן:
אָ, מאַלע, וואָס ס׳קען מיט א מאַנסביל געשען!

# איך טרינק פאַר זיך מיין וויין

איך טרינק פאַר זיך מיין וויין, —
און איז אייך ניט דערווידער,
טרינקט מיט, איר גוטע ברידער,
כ׳טרינק מיט אייך מיין וויין!

איך זינג פאַר זיך מיין ליד, —
און אויב אירווילט עס הערן,
כ׳וועל זיכער אייך ניט שטערן:
כ׳זינג אויך פאַר אייך מיין ליד.

איך ליב פאַר זיך מיין ווייב.
נאָר וועט איר זי פאַרהאַלטן —
איך וועל די קעפּ צושפּאַלטן!
כ׳ליב נאָר פאַר זיך מיין ווייב . . .

## ניט פרעגט מיך, וואָס איך טרויער

איך פרעגט מיך, וואָס איך טרויער,
וואָס וויין איך אויפן קול?
צוויי פריינט האָב איך פאַרלאָרן
אוןביידע אויף איין מאָל.

דער ערשטער איז מיין ליבסטע,
א מיידל ליב און פיין,
וואָס האָט מיר אָפט געשוואָרן
אויף אייביק טריי צו זיין.

דער צווייטער איז מיין חבר,
מיין בעסטער יוגנט־פריינט,
מיט וועלכן מיין געטרייע
גייט צו דער חופה היינט.

ניט פרעגט מיך, וואָס איך טרויער,
וואָס וויין איך אויפן קול:
צוויי פריינט האָב איך פאַרלאָרן
אוןביידע מיט איין מאָל.

# צו רעכטס אַ פלאַש

צו רעכטס — אַ פלאַש, צו לינקס — אַ זי,
פון פרי פאַרנאַכט ביז אינדערפרי;
איך טרינק און קוש און טרינק.

אין הארצן ברענט, אין מוח קנאַקט,
גיסט איין! איך האָב די וועלט פאַרפאַקט,
וואָס אַרט מיך, וואָס זי רעדט!

כאַ, כאַ, איך בין איצט פויגל־פריי:
מיין ליבסטע איז א צווייטן טריי;
נאָך ווייַן אַהער, נאָך ווייַן!

מיין מעסער שאַרף, אין האַלדז א שניט —
און איך ווער מיט דער וועלט באַלד קוויט;
נאָך ווייַן, נאָך ווייַן, נאָך ווייַן!

און פגר איך דאָ ווי אַ הונט,
איך זאָג איר דאָך א זיי געזונט;
זאָל מיינע איבערגיין.

באַלד שלאָף איך רואיק אָן פאַרדראָס,
הוראַ! פאר איר מיין לעצטן כוס,
פאר איר מיין לעצטן כוס!

# טויב איז צום פענסטער געקומען

אַ טויב איז צום פענסטער געקומען,
געקלאַפּט מיט די פליגלען אין שויב.
איך האָב איר דאָס פענסטער געעפנט:
— קום, קום צו מיר, ווייסינקע טויב! —

געפונען מיין קרוג שטיין אין ווינקל,
האָט זי זיך מיט וואַסער געקוויקט;
געקוקט מיר אַריין אין די אויגן,
פון האַנט ביי מיר קערנער געפּיקט.

פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע, געוואָרקעט.
איך ווייס ניט, פאַרוואָס און פאַרוועמ
אַרויס ווי אַ בליץ דורכן פענסטער
און כ'האָב זי מער קיינמאָל געזען.

אָ, ווייסינקע טייבעלע, ליבע,
דו האָסט מיר אָן עפּעס דערמאָנט:
איך האָב אין דיין גאַנצן באַנעמען
אַ מיידל אַ יונגע דערקאָנט.

אויך זי איז צום פענסטער געקומען
און מיך אויף אַ ווײַלע באַגליקט;
זי האָט פון מיין האַנט ניט קיין קערנער,
נאָר שטיקער פון האַרצן געפּיקט.

זי האָט פון מיין קרוג ניט געטרונקען,
נאָר טרערן געצאַפּט פון מיין בליק:
פאַרבליבן אַ ווײַלע, פאַרשוואונדן —
און אויך ניט געקומען צוריק!

# וואָס מאַכט מיך דער ווינט אַזוי טרויעריק?

וואָס מאַכט מיך דער ווינט אזוי טרויעריק?
וואָס רייסט ער מיין ברוסט מיט געוואַלט?
וואָס רופט ער ארויס אין מיין זינען
איר בלייכע און קראַנקע געשטאַלט?

ער בלאָזט פון דעם אַלטן בית עולם,
ער קומט פון די קברים אצונד.
ער וועקט און רייסט אויף אין מיין האַרצן
אַן אַלטע געפערלאַכע וואונד.

ער שושקעט א סוד מיר אין אויער,
ער זינגט מיר איראָניש א שיר:
דו האָסט איר פאַרשפּראָכן צו קומען,
זי וואַרט אליין אין קבר אויף דיר!

# דאָס צוזמי׳ל

נעמט זי אין די צאַרטע הענט
סמיטשיקל און פידל,
שפּילט זי מיר און זינגט זי מיר
לילית׳עס א לידל.

טענער, וועלכע דרינגען טיף,
ווערטער, וועלכע סמ׳ען;
אויגעלאַך און בעקעלאַך
פלאַקערן און פלאַמען.

„ליבער בחור יונגינקער,
ליבסטו פאַמעראַנצן?
נעם מיין האַנט אין דיינע פעסט,
לאָמיר ביידע טאַנצן.“

טאַנצן מיר אַ טייוול־טאַנץ,
הענטלאַך, פיסלאַך פליען, —
מיילעכלאַך האַלב־אָפענע,
און די אויגלאַך גליען.

ראַמט זי מיר א סוד אריין:
„כ׳ליב דיך ווי מיין לעבן;
קום מיט מיר אין קעמערל,
כ׳וועל דיר עפּעס געבן.“

כ׳גיי מיט איר אין קעמערל,
שליסט זי שנעל די טיר צו,
וואַרפט אראָפּ איר יאַקעלע,
טוליעט זיך צו מיר צו.

טוט זיך אויס אַ נאַקעטע,
לייגט זיך אויפן רוקן.
כ׳זע, זי טראָגט א צולמ׳ל,
וויל איך זיך ניט בוקן.

„נעם אַראָפּ דאָס צולמ׳ל,"
נעם איך צו איר זאָגן:
„כ׳בין א אידיש בחורל,
כ׳קאָן דאָס נישט פארטראָגן."

ענטפערט זי אַנטשלאָסן מיר:
„איך וויל קריסטוס טריי זיין,
וואָס איך טראַכט און וואָס איך טו,
יעזוס מעג דערביי זיין."

צאַנקען מיר א גאַנצע שעה
און די ווענט אונז הערן;
ריידן מיר און צאַנקען מיר
ביידע ביז צו טרערן.

לאָז איך זי אין ווייכן בעט
מיט א בלייכן פּנים;
קיינער גיט פון אונז ניט נאָך,
ביידע צוויי עקשנים.

# נחמה

נחמה שטריקט אַ סקאַרפּעטקע
פון ריינעם שוואַרצן וואָל.
זי זיצט, און ס׳ווערט דאָס פּנים איר
פאַר׳חושך׳ט מיט אַמאָל.

ס׳איז ווידער איר אריין אין קאָפּ
דער שרעקלאכער געדאַנק,
וואָס פּרעסט איר האַרץ פּאַמעלאך אויף
און קוועלט זי שוין פון לאַנג.

איר מאַן, ער איז אַ רייזנדער
פון אימער אָן געווען,
אין גרויסע שטעט און קליינע שטעט,
אַ וועלט זיך אָנגעזען.

דאָך פלעגט ער קומען אָפט צו איר,
ער האָט זי ליב געהאַט —
און קושן זי און האַלדזן זי,
ניט קאָנען ווערן זאַט.

דאָך צייט ער זיצט אין „וואַרשעווע",
כמעט שוין זיבן יאָר,
באַזוכט ער אַזוי זעלטן זי:
אויף יעדן פּסח נאָר.

פאַרשטייט זיך, ער האָט פיל צו טאָן
און פיל צו ווייניק צייט:
געשעפטן לאָזן ניט אַוועק
און וואַרשעווע איז ווייט.

און שיקט ער איר דען ניט קיין געלט
און אויך מתנות פּיל?
זי ווייס געגוי, ער ביינקט נאָך איר
און ווײנט דאָרט אין דער שטיל.

פאַרוואָס אָבער דעם לעצטן מאָל,
ווען זי האָט אים געזען,
איז, דוכט זיך, זיין באַנעמען זיך
פאַרדעכטיק שטארק געווען?

זי קאָן ניט אָנצייגן אין וואָס.
ער איז ניט בייז, ניט רוי,
דער זעלבער מענש ווי אלעמאָל
און דאָך ניט מער אזוי.

און וואָס איז דאָס דער בייזער קלאַנג,
וואָס גייט ארום אין שטאָט?
מען שושקעט זיך רק וואַרשעווע,
א טייטשקעלע און — אַט...

אָ, מאַלע, וואָס די פלוידערזעק,
די ווייבער טראַכטן אויס!
מיט איר מאַן קען דאָך דאָס ניט זיין,
זיי ווילט זיך פּלאַפּלען בלויז.

ער שרייבט דאָך אין די בריוועלאך:
„מיין ליבע, גוטע פרוי"!
און האָט מען האָלט אַן אַנדערע,
דאַן רעדט מען ניט אזוי.

פאַרוואָס אָבער ווען זי אים בעט
מיט טרערן אין איר קול:
„ווען וועסטו מיך שוין צונעמען
אין וואַרשעווע אַמאָל?"

דאַן ווערט ער אזוי טרויעריק ?
ער לאָזט אַראָפּ זיין קאָפּ,
ער זאָגט איר צו : אָט באַלד, אָט באַלד . . .
און לייגט עס ווייטער אָפּ.

זאָל טאַקע אמת זיין דער קלאַנג ?
אָ ניין, ער איז צו פיין !
דאָך ווי מיר, ווי מיר, אז מען קלינגט,
מוז דאָך א חאָגע זיין !

נחמה שטריקט, נחמה טראַכט
און זיפצט גאַנץ שטיל און שווער,
און אויף דער שוואַרצער סקאַרפעטקע
פאַרקייקלט זיך אַ טרער.

# אַלטער תושב

אַלטער תושב, נאָר איין וואָרט:
זאָג, ווער וואוינט אין שטיבל דאָרט?
פון דעם קוימען ביז דער שוועל,
איז זי מער פון אַלע העל;
וואוינט פון שטעטל דאָרט דער גביר?
און דער אַלטער ענטפערט מיר:
— ס'איז ביי אונז קיין גביר פאַראַן,
דאָרטן וואוינט אַן אַרבייטסמאַן;
מיט זיין ווייב און קינדער צוויי
און די ליבע וואוינט ביי זיי! —

# דאָס גליקלאַכע פּאָר

משה דער טרעגער גייט פון דער ארבעט,
גייט פון דער שווערער פאַרמאַטערט צוריק;
טראָפּענווייס פליסט אים דער שווייס פון זיין פּנים.
דאָך זיינע אויגן זיי גלאַנצן פאר גליק:

באַלד זעט ער ווידער מלכהן זיין ווייבל;
גיכער זי אָנקוקן איז זיין פאַרלאַנג.
ווי זי דערוואַרט אים דאָרטן, זיין אוצר,
ווייס שוין דער גליקלאכער טרעגער פון לאַנג.

וועטשערע קאָכט איצטער מלכה זיין ווייבל;
מילכיקע גרויפּן און שוואַרץ־ברויט א שטיק; —
דאָך ווי זי מאַכט עס און ווי זי סערווירט עס
מיט אַזאַ העלן און צערטלאכן בליק!

אָן איז זיין שטיבל; משה שפּרינגט אונטער,
משה לויפט שנעלער און עפנט די טיר.
„קרוין מיין, ביזט דו דאָס״? הערט ער פון ווינקל —
איך בין דאָס, נחת מיין, קום דאָך צו מיר!

מלכה לאָזט שטיין באַלד טעפּל און טעלער,
לויפט אים אנטקעגן מיט ליבע און לוסט;
משה ווישט זיך אָפּ דעם שווייס פון זיין שטערן,
קושט אירע ליפּן און דריקט זי צו ברוסט.

קאָלטלאָך דער אויוועז, אַלטלאָך דאָס מעבל,
דאָך זייער ליבע ווי ווארים, ווי ניי!
אָרים די סעודה, איינגלאך דאָס צימער,
און ווי זיי פילן זיך רייכלאך און פריי!

# בעזים און שטעקן

איך וועל זינגען אייך א ליד,
איר זאָלט אייך ניט דערשרעקן:
זי איז געווען אַ יונגער בעזים,
ער אַ בעזים־שטעקן.

האָבן זיי חתונה געהאַט
צו ליבן זיך און צו ערן;
דאָך דער גאַסן־קערער נעמט
מיט זיי דעם רינשטאָק קערן.

קערט ער אַ טאָג און קערט ער צוויי,
ווערט דער בעזים צעקראָכן;
קערט ער ווייטער, ביז עס ווערט
דער בעזים־שטעקן צובראָכן.

וואַלגערן זיי זיך אויף דער גאַס,
דער בעזים און דער שטעקן;
כ׳האָב אַליין זיי היינט געזען,
דאָך זאָלט איר אייך ניט שרעקן!

# די פרה אדומה

זאָגט צו דעם בוהאַי די קו:
„ווער בין איך און ווער ביזט דו?
איך בין דאָך א פרה אדומה,
גאָר א הייליקע, א פרומע;
דו, דער טייוול וואָס דו ביזט,
באָלשעוויק צו אַנאַרכיסט.
מיינסט, ווייל דו ביזט אַזאַ שיינער,
א בוהאַי, אַ יונג מיט ביינער,
וועל איך לאָזן, זאָלסט מיך קושן
גאָר אָן חופה וקידושין?
פרא אָדם וואָס דו ביזט,
גיי, דיין טרחה איז אומזיסט!"
שאָקלט דער בוהאַי זיין קאָפּ
באַלד ארויף און באַלד אַראָפּ,
גייט צו נענטער צו דער קו
און ער זאָגט צו איר: „מו־או?"
מיינט עס אויף בוהאַיען־שפּראַך
מאַנכעסמאָל שוין גאָר א סך:

„ווייסט, מיין פריינט, כ'בין גאַנץ פאַרוואונדערט:
לעבסט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט,
און פאַר ליבע האָסט א בליק
ווי מיט טויזנט יאָר צוריק!

ווען איך ברייננ דעם שטאָטבאָקס טאַטן
אונזער רב דעם קאָלטעוואַטן
און צען עדות ווי די בערן,
דעמאָלט קענסטו מיר געהערן,
און אז ניט איז גאָט בדלות?
פרייע ליבע איבער אַלעס!
קריגסטו א בוהאַי א פרומען,
זאָל ער דיר נאָר וואויל באקומען...

אַז דו ביזט רעאַקציאָנער,
זיי געזונט, איך קום ניט מער!"
*
און די קו מיט מויל און נאָז
שטאַרק אַריינגעטאָן אין גראָז,
טוט איר קאָפּ א הייב מיט שרעק:
„גייט ער טאקע שוין אוועק?"
אָבער אז זי זעט דאָך פּאָרט,
ווי ער שטייט אַלץ אויף אַן אָרט,
איז מיט בליקן שאַרף ווי חלף,
זאָגט זי „לא" אים מיט אַן אלף,
און זי שטעקט איר קאָפּ און נאָז
ווידער אין דעם גרינעם גראָז.
*

דער בוהאַי קומט נענטער צו,
לויפט אַוועק פון אים די קו;
יאָגט ער זי פון נייעם אָן,
פאַנגט זיך א וויכוח אָן:
און מען הערט פונוויַיטן נאָר:
זי: „מען טאָר ניט!" ער: — מען טאָר!
*
וואָס עס איז דערפון געוואָרן?
גאָר ניט: ס'האָט די קו געבאָרן,
אָט די הייליקע די פרומע,
אָט די שיינע פּרה אדומה,
באַלד נאָך פּסח, אָנהייב פרילינג,
קעלבלאַך צוויי, א שיינעם צווילינג, —
איינס פאַר מילך און איינס פאַר בראָטן;
ביידע אין בוהאַי געראָטן!

# די נשמה יתירה

און בערלען איז ביטער,
ער וויינט ווי אַ קינד.
ער זיפצט און ער קרעכצט
און טענה׳ט צום ווינד:
— ווי איז דאָס געוועזן,
ווי איז דאָס געשען:
ווען איך האָב מיין ליבסטע
דעם שבת געזען,
האָט זי מיך געצערטלט,
געטוליעט צו זיך;
זי האָט מיר געזאָגט,
איר נשמה בין איך...
און באַלד נאָך הבדלה,
דעם שבת ביי נאַכט,
האָט זי גאָר אַ תנאים
מיט יעקלען געמאַכט? —
עס קייכט פאַר געלעכטער
דער אכזר דער ווינט,
און מאַכט נאָך לצנות
און ענטפערט געשווינד:
„ווי איז דאָס געוועזן,
ווי איז דאָס געשען?
דו ביזט איר נשמה
יתירה ג ע ו ו ע ן!"

## ער האָט דערציילט איר

ער האָט דערציילט איר, ווי האָלט ער זי האָט,
זי האָט געהערט און געשוויגן.
ער האָט געזאָגט, אז זיין ערשטע איז זי,
זי האָט געטראכט: „ס׳איז א ליגן.

האָסט שוין פיל אנד׳רע געדריקט צו דיין ברוסט״...
דאָך וויל זי אים ליגן ניט שטערן:
וואויל איז אפילו, פון וועמען מען ליבט
ליגענס אזעלכע צו הערן.

## דו, מיר ניט באַשערטע

נעכטן נאָך פּיל זוכן
האָב איך זי דערזען.
„מיידל, מיין געליבטע,
וואו ביזטו געווען?

„האָסט מיר מיין נשמה
אָנגעפילט מיט שרעק:
ניט געלאָזט מיך וויסן,
וואו דו ביזט אַוועק.

„טאָג און נאַכט געזוכט דיך,
ניט געהאַט קיין רו;
נאָכגעפרעגט ביי יעדן,
קיינער ווייסט ניט, וואו.

„מיידל, מיין באַשערטע,
איצט איז ווידער פיין:
איבערמאָרגן וועט דאָך
אונזער חופה זיין".

שטייט זי שטיל אַ בלייכע,
בויגט איין טיף איר קאָפּ;
פון די אויגן פליסן
טרערן איר אַראָפּ.

„כלה, מיין געטרייע,
וואָס איז דיר געשען?
ווער האָט דיך פאַרהאַלטן,
וואו ביזט דו געווען?"

וואַרפט זי אויף מיין ברוסט זיך
יאָמערט אַזוי שווער...

— — — — — — — — — —

„דו, מיר ניט באַשערטע,
ניט דערצייל מיר מער:

„האָסט מיט דיינע טרערן
אַלץ מיר אויסדערציילט:
האָסט דיר דאָך אַ צווייטן
חתן אויסדערוויילט!“

וויינען מיר צוזאַמען,
פינסטערער געמיט...
גייען מיר באַזונדער,
וואַקלדיגע טריט!

# פינסטער פאר די אויגן

פינסטער פאר די אויגן,
כ׳זע פאר זיך די וועלט ניט;
ווילסט מיך מער ניט האָבן,
ווייל איך האָב קיין געלט ניט. —

האָב איך נישט קיין נדן,
וועל איך עס נאָך האָבן;
און דו וועסט פאר חרפה
וועלן זיך באַגראָבן.

גיי איך אין די גאַסן,
גיי איך מיך פאַרקויפן —
ברייננ איך יעדן מאָרגן
זילבער־געלט א הויפן.

קויף איך זיבן טעפּ מיר
ניט פאר קאָכן גרויפן,
נאָר פאר קלייבן נדן
זיבן טעפּ מיט „קויפן.“

אז זיי ווערן פולע,
קען איך דאן דיך קויפן;
כ׳שיק צו דיר א שדכן,
קומסטו שנעל צולויפן.

צייג איך דיר מיין רייכטום:
„זעסט, כ׳בין מער ניט אָרים!“
וואַרפסטו אויף די קני זיך,
דרייסט זיך ווי א וואָרים.

נעם איך א טאָפּ זילבער,
וואַרף איך אים אין קאָפּ דיר:
„האָסט דאָס האָלט, געליבטער?
קלייב צונויף און האָב דיר.

אָבער איך וועל קיינמאָל
ווערן, הונט, דיין כלה, —
כ׳בין געווען פאַר דיר נאָר,
איצט בין איך פאַר אַלע!"

## זיין בליק איז שטאַר

זיין בליק איז שטאַר און טעמפּ זיין שטים,
און זי, זי זיצט ניט ווייט פון אים;
זי וויינט גאַנץ שטיל, זי זיפצט גאַנץ שווער
און ער, ער זאָגט: „איך גלויב ניט מער;
גענוג פאַרגעבן און געוואַרט.
דו האָסט כסדר מיך גענאַרט!"
אַ זונענשטראַל, ווי פון אַ האַנט
געפירט, צושפּילט זיך אויף דער וואַנט.
ער גיט צו וואַנט זיין קאָפּ אַ קער —
עס הענגט און בלאַנקט אַ רעוואָלווער.
ער הענגט און שטומט, דאָך רעדט אַ סך
אין זונענגלאַנץ זיין שטומע שפּראַך;
— „מיין פריינט, כ'האָב אין מיין לעבנסצייט
נישט איינעם שוין פון צער באַפרייט;
גיב איר אַ קויל, נעם דיר אַ קויל
און איר ווערט גוט און דיר ווערט וואויל."
ער רוקט זיך נענטער צו דער וואַנט
און שטרעקט צום רעוואָלווער זיין האַנט.

# די בלייכינקע מאַדאַם

די לבנה דורך דער שויב
קוקט אריין אין צימער,
וואו ער זיצט און טרינקט זיין וויין,
פאַלט אויף אים איר שימער.

„עי, דו בלייכינקע מאַדאַם!"
נעמט ער צו איר ווינקען:
„זע, איך האָב דאָ וויין לרוב,
לאָמיר ביידע טרינקען!

איך בין רויט און דו ביזט בלייך,
עס ליבן זיך קאָנטראַסטן:
איך זע אויס געזונט און שטאַרק,
דו — ווי דו וואָלסט פאַסטן.

קום און זעץ זיך ביי מיין זייט,
וועט דיר פריילאך ווערן:
זע, א וואָלקן האָט פאַרשטעלט
די שפּיאָנען — שטערן!"

און ער שלאָגט א שויב ארויס,
ברייננגט צוויי פולע בעכער.
די לבנה טאַנצט פאר אים
איבער הויכע דעכער.

לאַכט און שפּרינגט אין שטוב אריין.
„עי, זי איז געקומען!"
און ער האָט איר קילן לייב
פעסט ארומגענומען.

קושט די בלייכע ליפּן רויט,
גלעט איר צאַרטן נאַקן;
גיסט איר וויין אין מויל אריין,
ברענען אירע באַקן.

עפנט ער די אויגן אויף:
„וואָס, כ׳האָב איינגעשלאָפן?
און די בלייכינקע מאַדאַם
איז פון מיר אַנטלאָפן?“

גיסט ער אָן א בעכער וויין,
נעצט פון ס׳ביי זיין גומען:
זיצט א בלייכער און ער וואַרט,
זי זאָל ווידער קומען.

## דוכטעניש

מיר האָט גע׳חלומ׳ט זיך בייגאַכט
אַ חלום, ניט פאַר איך געדאַכט:
מיר דוכט, איך בין אין וואַלד אַליין
און מיר אַנטקעגן קומט צוגיין
אַ קאַרליקל, אַן אַלטער מאַן,
אַביסל העכער פון פיר שפאַן;
ער קוקט מיך אַן און זאָגט: „אַהאַ,
איך זע, דו ביזט שוין ווידער דאַ?
טאָ בלייב דאָך רואיק אויף דיין אָרט.״ —
און שאָקלט אום זיין גראָע באָרד
פון רעכטס צו לינקס, פון לינקס צו רעכטס
און זאָגט: „איך טו דיר ניט קיין שלעכטס
און האָב קיין מורא ניט פאַר מיר.
נאָר איין זאַך זאָגן זאָג איך דיר:
דו טרינקסט קיין ווין, דו עסט קיין ברויט,
דו ביזט צוויי טויזנט יאָר שוין טויט;
דיין בליק — קיין בליק, דיין טריט — קיין טריט,
ביזט לאַנג ניטאָ און ווייסט עס ניט;
טאָ זיי ביי זיך ניט אַזוי גרויס,
ווייל אַלצדינג דוכט זיך דיר נאָר אויס!״
און ער גיט אויף אַ בוים אַ שפרונג
און שטעקט אַרויס צו מיר זיין צונג,
אַ צונג, ווי אַ שפּאַציר־שטאָק דין,
די לענג כמעט אַ צוויי אַרשין.
ער גיט מיר אין געזיכט אַ בלאָז
און שטעקט מיר אויס אַ לאַנגע נאָז
און שנעלער פון דעם שנעלסטן ווינט,
דער גרויער קאַרליקל פאַרשווינדט.

געוועזן איז פּונקט האַלבע נאַכט,
ווען איך האָב פון מיין שלאָף דערוואַכט.
איך זעץ מיך אויף אין בעט באַזאַכט,
איך רייב די אויגן און איך טראַכט:
וואָס הייסט, ער זאָגט: איך עס קיין ברויט
און בין צוויי טויזנט יאָר שוין טויט?
וואָס הייסט, ער זאָגט: איך טרינק קיין וויין?
ווי קאָן די זאַך גאָר מעגלעך זיין?
כ׳האָב צוואַנציק כוסות וויין פאַרזוכט,
און ס׳האָט זיך מיר בלויז אויסגעדוכט?
איך גיי פון בעט, מיין קאָפּ איז שווער,
איך זע פיל פלאַשן שטייען לער
אין גרויסן צימער אויפן דיל;
און רעשטלאַך פון מאכלים פיל
צעוואָרפן ליגן אויפן טיש:
אַ ביין פון פלייש, אַ ביין פון פיש...
איך קוק און שאָקל מיטן קאָפּ:
און אַלצדינג דוכט זיך מיר בלויז אָפּ?
איך גיב אויף גיך אַ פלאַש אַ כאַפּ
און קער זי אום; ניטאָ קיין קאַפּ.
נו יאָ, דער קאַרליק איז גערעכט:
מיר דוכט זיך און מיר דוכט זיך שלעכט.
מען דאַרף נאָר ניט פאַרלירן מוט,
פיליכט וועט מיר נאָך דוכטן גוט...
דערווייל קען ביטערער ניט זיין:
איך ברען פאַר דורשט און האָב קיין וויין!

פאַרוואָס דוכט מיר, אַז יענעם דוכט,
געבענשט איז ער און איך — פאַרפלוכט?
פאַרוואָס דוכט יענעם נחת פיל
און מיר דוכט צער אין דערשטיל?
דו ביזט דאָך אַ גערעכטיקער,
אָ, גוטער גאָט, אַלמעכטיקער!

דו ביזט אין דוכטענישן רייך,
מאַך יעדן זאָל זיך דוכטן גלייך.
אָ, גאָט אין הימל, שיק דאָך דו
אַ גוטע דוכטעניש מיר צו!

און ווי איך ענדיק מיין געבעט,
הער איך, אין צימער איינער רעדט.
מיר נעמען טרייסלען פיס און הענט:
איך האָב דעם קאַרליקס קול דערקענט!
אָ, בייזער קאַרליקל, אַוועק!
וואָס וואַרפסטו אָן אויף מיר אַ שרעק?
איך האָב דיך קיינמאָל ניט פאַרלאַכט,
פאַרוואָס פאַרפאָלגסט מיך יעדע נאַכט
און טוסט מיר אָן אַזויפיל לייד
מיט דיינע מורא׳דיקע רייד?
דער קאַרליקל, ער שטייט ביין טיר,
ער קוקט מיך אָן און זאָגט צו מיר:
„צי גלויבסטו ניט, צי גלויבסטו יאָ,
דו ביזט מער אויף דער וועלט ניטאָ.
דיין בליק — קיין בליק, דיין טריט — קיין טריט,
פון זיך אַליין אַנטלויפט מען ניט.
עס ציט דערריבער מיך צו דיר,
ווייל כ׳זע דיין ענלאַכקייט אין מיר.

„איך בין דיין גייסט, וואָס קיינמאָל רוט,
אַ שוואַכלינג מיט אַ לייבן־מוט.
איך בין אי ריידעוודיק אי שטום,
כ׳בין ערגעץ ניט און אומעטום.
איך האָב ניט קיין באַשטימטן אָרט.
וואו ס׳בלאָזט דער ווינט מיין גראָע באָרד,
דאָרט צי איך און איך צי אויף גיך;
מיין באָרד פאָראויס און הינטן — איך.
און דאַרף מען גאָלד, כ׳גיב האָב און גוט;

און דאַרף מען בלוט, איך גיב מיין בלוט,
נור איין זאַך וואָס עס מיך פאַרדריסט:
איך גיב מיין אַלץ אַוועק אומזיסט.
ווי קען איך לאָזן דיך צו רו,
ווען איך, דער קאַרליקל, בין — דו!

„דאַך שרעק דיך ניט, עס מאַכט ניט אויס,
עס ווענדט זיך, ווי עס דוכט זיך בלויז:
דו זעסט די לערע פלאַש ביים שטול?
זאָל דוכטן דיר, אַז זי איז פול, —
און הויב זי אויף און קער אריין
און זאָל עס צו געזונט דיר זיין!
טרינק אויס פון לערער פלאַש דעם זאַפט:
אין דוכטעניש נאָר ליגט דיין קראַפט!"

און ער גיט אין דער הויך אַ שפרונג
און שטעקט אַרויס צו מיר זיין צונג.
אַ צונג ווי אַ שפּאַציר־שטאָק דיק,
די לענג כמעט אַ צוויי אַרשין.
ער גיט מיר אין געזיכט אַ בלאָז
און שטעלט מיר אויס אַ לאַנגע נאָז —
און שנעלער פון דעם שנעלסטן ווינט,
דער גרויער קאַרליקל פאַרשווינדט!

ווער זאָגט דאָס, אַז עס איז מיר שלעכט?
איך האָב צו דוכטן מיר דאָס רעכט
פון וואָס איך וויל און פיל איך וויל; —
עס דוכט אַ דוכטעניש מיר שטיל.
מיר דוכט: אַ ריזיקע נאַציאָן
פון איבער זיבעציק מיליאָן
מיט אידן אין אַן אייגענעם לאַנד,
פאַר זייער העלדישקייט באַקאַנט.
אַ יעדער איז אַ שטאַרק אַ שייך,

און זעקס פוס הויך ביי זיי איז קליין;
אַ יעדער קאָן באַשטיין פאַר צוויי
און איך בין איינער פון זיי.
און פרויען האָבן מיר אַנטיק!
און ריין דאָס האַרץ און שטאָלץ דער בליק;
און קוקסט זיי אין געזיכט אַריין,
דיר ווילט זיך טאָפּלט — מאַנסביל זיין.
און טויזנט מיילן ים אַרום —
און טיפע טייכן אומעטום
און גרויסע שיפן אָן אַ צאָל
פון שטאַרקסטן האָלץ און בעסטן שטאָל,
וואָס שלעפן אויף די ימים לאַסט
מיט בלוי און ווייס אויף יעדן מאַסט;
מיר זיינען רייך אין מוט און געלט
און זאָגן דעות אויף דער וועלט.
און מיר איז אזוי וואויל צו מוט,
איך פיל ווי ס'שטראָמט אין מיר דאָס בלוט;
איך פיל ווי ריזיק ס'איז מיין מאַכט —
און מיין נשמה זינגט און לאַכט.

נאָר פּלוצלונג ווערט מיר ווידער שווער
און איך דערשפיר אין האַלז אַ טרער.
עס ווערט מיר ביטער מיט אַ מאָל.
איך הער אין זיך דעם קאַרליקס קול:
„דיין בליק, — קיין בליק, דיין טריט — קיין טר'ט,
ביזט לאַנג שוין טויט און ווייסט עס ניט; —
טאָ זיי ביי זיך ניט אזוי גרויס,
ווייל אַלצדינג דוכט זיך דיר בלויז אויס!"

און מאַכטלאָז ווערט מיין שטאַרקע האַנט,
עס שווינדט מיין פאָן, עס שווינדט מיין לאַנד,
עס ווערט מיר פאַר די אויגן שוואַרץ, —
און ס'וויינט אין מיר אַזוי מיין האַרץ.

וואָס קימערט מיך די גאַנצע וועלט ?
זי מעג פאַרברענען אין איר קעלט.
וואָס גייט מיר אָן דער גרויסער קריג,
און שלום, נידערלאַגע, זיג ?
ס'האָט פאַרטיליקט מיך דער שווערד
און כ'ליג פאַרבלוטיקט אויף דער ערד.
נאָר איין פאַרלאַנג אין האַרץ מיר גליט :
כ'וויל וויסן, לעב איך אָדער ניט.
אויב טויט איז טויט, אַ סוף אַן עק,
מיין צווייפל וויל איך זאָל אַוועק !

איך האָב דערמאָנט זיך : לאַנג צוריק
האָב איך דערפילט אַ מיידלס בליק.
ער איז מיר טיף אין האַרץ אַריין
און וועט אין מיר אויף אייביק זיין.
איך האָב דערמאָנט זיך מיין געצעלט,
די חופה וואו מען האָט געשטעלט,
וואו ס'האָט אין מיר אי טאָג אי נאַכט
מיין האַרץ געיובלט און געלאַכט.
פאַרוואָס גראָד איצט אין דער מינוט
פלאַמט אויף פאַר איר מיין זודיק בלוט ?
ניט שוין זשע איז דאָס גלאַט אַזוי ?
אַ ניין, דאָס מיינט, איך האָב א פרוי,
וואָס מיר ביז היינט מיין האַרץ נאָך גלעט.
וואו איז זי איצט ? ביי זיך אין בעט.
כ'וועל גיין צו איר שטיל ווי אַ הויך
און זען : אויב זי לעבט, לעב איך אויך ;
אויב ניט ? אויב ניט, איז טאַקע שלעכט :
דאָס מיינט, דער קאַרליק איז גערעכט.

איך גיי אין שלאָפצימער אַריין,
איך זע, עס שלאָפט די ליבסטע מיין,
האַלב אָפּגעדעקט, האַלב צוגעדעקט,

עס ווערט מיין בלוט מיר אויפגערעגט;
איך קוק מיט ליבע אויף מיין פרוי:
ניין, טויטע רוען ניט אַזוי!
דאָך פאַלט אַריין מיר אין מיין מח:
און טאָמער דוכט זיך מיר דאָס אויך?
איר בעט — קיין בעט, איר לייב — קיין לייב
און ס׳דוכט מיר נאַר, אַז כ׳האָב אַ ווייב?

ווען כ׳האָב אין אמת׳ן דערוואַכט,
קיין סימן איז געווען פון נאַכט.
אַ גרויסער שטראָם פון זונענשיין
פליסט אין מיין שלאָפצימער אַריין.
איך זעץ מיך אויף אין בעט ביינאַכט,
איך רייב די אויגן און איך טראַכט:
וואָס הייסט, ער זאָגט איך טרינק קיין ווײַן?
ווי קען די זאַך גאָר מעגלאַך זיין?
כ׳האָב צוואַנציק כוסות וויין פאַרזוכט
און ס׳האָט זיך מיר בלויז אויסגעדוכט?
וואָס הייסט, ער זאָגט, איך עס קיין ברויט
און בין צוויי טויזנט יאָר שוין טויט?
ביי טויטע טריקנט ניט די צונג.
איך גיב אויף גיך פון בעט אַ שפרונג
און לויף אין עסצימער אַריין.
איך עפן אויף אַ פלאַש מיט וויין
און שלינג אַראָפּ אַ גוטע מאָס
און פיל פונם נייעם אָן מיין כוס.
איך טראַכט און טרינק און טראַכט,
ביז כ׳זע, ס׳פאַלט צו אַ נייע נאַכט.
איך קלער: — אויב ס׳האָט דער קאַרליק רעכט
און דאָס הייסט טויט, איז אויך ניט שלעכט:
מיין וויין איז שטאַרק, מיין ליבסטע — זיס,
זאָל זיין ס׳איז בלויז אַ דוכטעניס!

# משלי יוסף

# משלי יוסף

1.

**הער** זיך צו, וואָס ס'זאָגט דיר יוסף:
ניט נעם ארונטער, נאָר זיי מוסיף.
און האָסט ניט וואָס, דאַן זע צו קריגן,
נאָר מיטן אמת, ניט מיט ליגן;
און קריגסט וואָס רעכטס, דאַן זאָלסטו געבן,
און דעמאָלט וועסטו גליקלאַך לעבן.

2.

אַן אַלטן פריינט מעגסט אלץ פאַרטרויען
און אויף זיין טרייהייט קאָנסטו בויען.
נאָר מיט א פרוי ניט זיי צו זיכער:
דו קויפסט איר צירונג, זיידנע טיכער,
זי קושט דיין מויל דיר, גלעט דיין שטערן —
און דאָך זאָלסט דו פאר איר ניט שווערן.

3.

ניט רים זיך מיט דיין וויסן, ברודער:
אַ פוסטע זאַך מאַכט פיל גערודער;
זיי מער א תלמיד ווי א לערער,
ווייל פילע וויסן דאָך פיל מערער.

4.

ניט שטענדיק איז יענער דאָך דער שלעכטער
און דו — דער גוטער און גערעכטער.
דאַרום קוק אַמאָל דורך יענעמס ברילן,
וועסט אפשר אנדערש זען און פילן.

5.

און זאָגסטו אמת, זאָג איינגאַנצן,
דאַן וועסטו ניט קיין חשד פאַרפלאַנצן.
מיט האַלבן אמת און האַלבן ליגן
וועט מען צו דיר קיין צוטרוי קריגן.

6.

און ווילסטו ניט קיין שאָדן ליידן,
זאָלסט דו צו ריידן פיל אויסמיידן:
ווייל איין שלאָס אויפן מויל איז בעסער,
ווי אויפן טיר א צענדליק שלעסער.

.7

די ליבע קען יעדערער געניסן:
זי שפּראָצט און וואַקסט אויס אָן דיין וויסן.
נאָר פריינדשאַפט מוזטו פלאַנצן און פלעגן:
זי וואַקסט ניט פון פאַר אלעמענס וועגן.

8.

דו זאָלסט קיין איינעם ניט פארשעמען;
דו זאָלסט קיינמאָל קיין ראַכע נעמען
און נאָר צו שלום זאָלסטו שטרעבן:
די שענסטע ראַכע איז: פאַרגעבן.

9.

פאַר אַלץ, וואָס ס׳טוט מיט דיר פּאַסירן,
זאָלסט דו נישט אנדערע בלאַמירן;
נאָר קוק, פריינט, מיט אַ קלאָרן זינען,
וועסט אויך דיין אייגנע שולד געפינען.

10.

ווייל מאַנכע זיינען אומדערטרעגלאַך,
איז ליבן אלעמען אוממעגלאַך.
און קענסט ניט ליבן יעדן איינעם,
למען השם, ניט האַס דאָך קיינעם.

11.

אלץ וואָס דו ווילסט, פריינט, קאָנסטו ווערן;
עס׳ט קיינער דיר אין דעם ניט שטערן.
דאָך ווילסטו ניט דיין ציל פאַרפעלן,
דאַן זאָלסטו וויסן וואָס צו וועלן.

12.

אַ שלעכטע טאַט איז ווי דיין שאָטן:
דו קענסט אים נאָכגיין ניט פאַרבאָטן;
און קענסט פון אים אויך ניט אַנטרינען:
וועסט לעבן זיך אים דאָך געפינען.

13.

זאָלסט וויסן, פריינט, וואָס ניט צו וועלן:
ניט וויל דער גאַנצער וועלט געפעלן;
דו זאָלסט קיין פוסטן כבוד גאַרן
און דיין נשמה קיינמאָל נאַרן.
נאָר שפּין דיין ליד פאַר זיך אליין
און וועב דיין אמת קלאָר און ריין!

14.

דו זוכסט נייע וועגן? דאָס איז א געלעכטער:
דאָס זוכן, מיין פריינט, איז א סימן א שלעכטער;
א סימן באַנקראָט פון טאַלאַנט ליגט דערינען.
ווייל דאָס, וואָס דו טראָגסט אין דיין טיפקייט באַהאַלטן,
מוז אימער ארויס, ווען די וועלט זאָל זיך שפּאַלטן;
און דאָס וואָס דו האָסט ניט, דאָס קענסט ניט געפינען!

# לאָמיר אַ ביסעלע לאַכן

זיצן מיר אַלע געזונקען די קעפּ,
האַלטן די לוסטן אין לייצעס.
פּונקט ווי מיר וואָלטן דעם יאָך פון דער וועלט
געטראָגן אַליין אויף די פּלייצעס.

ווערן מיר אָפּט אויך אין לעבן אַנטוישט,
שטות! ווּעמען אַרן די זאַכן?
לאָמיר אַביסעלע קינדערשער זיין,
לאָמיר אַ ביסעלע לאַכן!

## גענים

אוןן וואָס אַזוינס ס׳איז אונזער וועלט,
ווייס קיינער אויף געוויס;
און קיינער וועט דאָס ניט דערגיין,
דארום נעם זי ווי זי איז.

און ווייס, אז צופיל פרייד, מיין פריינט,
דאָס גיט זי קיינעם ניט, —
טאָ האָב קיין טענות ניט צו איר,
גענים, וואָס זי דיר גיט:

א בעכער וויין, א ליבסטע פיין,
א לידעלע דערצו;
א זופּ, א קוש און טרא־לאַ־לאַ,
דערנאָך די אייביקע רו!

# האָפנונג

איז עס כמאַרנע, וועט נאָך העל
דיר דיין הימל ווערן;
איז שטאַרק פינסטער אויף די נאַכט,
ס׳פינקלט וואו אַ שטערן.

קראַכט עס, בליצט עס אין דער לופט,
האָב קיין אַנגסט, קיין זאָרגן:
נאָך אַ וואָלקן־ברוך ביינאַכט
קומט אַ העלער מאָרגן.

גיי דיין וועג און נעם מיט זיך
ס׳האָפן אַלס באַגלייטער; —
לעשט איין שטערנדל זיך אויס,
צינדט זיך אָן אַ צווייטער.

איז עס כמאַרנע, וועט נאָך העל
דיר דיין הימל ווערן;
ווי ניט פינסטער ס׳איז די נאַכט,
ס׳פינקלט וואו דיין שטערן!

# נ׳ט געזאָרגט

רואיק זיץ אין דיין געצעלט,
עס וועט ניט אונטערגיין די וועלט.
ניט געזאָרגט, מיין פריינט, און ווייס:
די וועלט ציט נאָך אַן אלף־בית.
זי האָט דאָס אַלעמאָל געטאָן,
זי פאַנגט איר וועג פון אַלף אָן;
זי האָט איר וועג, זי האָט איר מאָס,
זי לאָזט ניט אויס קיין איינציק אות.
און ווען דו זעסט, זי האַלט ביים תיו,
ניט מיין חלילה, ס׳קומט איר סוף:
ווייל קוים איז זי דעם תיו פאַרביי,
עס קומט אַן אלף־בית פון ס׳ניי!

## איילט זיך צו

אָדם, שטיי דאָך ניט פון וווייטן!
ס'קומען אָן די גוטע צייטן;
זעסט ניט? טרינק דיין כוס אויס שנעלער,
וועט דיין בליק דיר ווערן העלער.
זאָל דער רויטער וויין צווישן
דיינע קילע בלוטן מישן
פלאַם און פייער.
קראַפט איז ביליק, צייט איז טייער.
אייל זיך צו!

חוה, וואָס האָט דיר געטראָפן?
זע, דו ביזט גאָר איינגעשלאָפן?
שעמסטו זיך ניט, ליבסטע מיינע?
הייב די פלינקע פיסלאָך דיינע,
ביז דו וועסט די שיך צורייסן!
כ'וועל די ליפלאָך דיר צובייסן
פלאַם און פייער, —
קראַפט איז ביליק, צייט איז טייער,
אייל זיך צו!

אוי, איר שטומע דיכטער־ברידער!
וואָס? איר זייט שוין ניכטער ווידער,
אַז איר האָט דעם קול פאַרלאָרן?
טרינקט, צו אַל די גוטע יאָרן!
כ'וויל, אַז איר זאָלט זינגען קענען,
ביז די גאַנצע וועלט וועט ברענען
פלאַם און פייער.
קראַפט איז ביליק, צייט איז טייער,
איילט זיך צו!

## מער ליבע

זאָג, וואָס פעלט דיר, ליבסטע לעבן?
זאָג, און איך וועל דיר דאָס געבן.
ענטפערט זי: „מער ליבע."

פאָלק מיין, וואָס איז דיין פאַרלאַנגען?
זאָג, איך וועל דיר אַלץ דערלאַנגען.
ענטפערט עס: „מער ליבע".

זאָג, וואָס פעלט דיר, האָב קיין מורא;
פרעגט פון הימל מיך דער בורא. —
ענטפער איך: „מער ליבע".

## און טויט איז מיין שונא

און טויט איז מיין שונא, מיין בלוטיקסטער פיינט;
עס איז אַזוי גוט אויפן האַרצן מיר היינט:
ער וועט מער נישט קאָנען מיט טייפלשן וואוט
פאַרפאָלגן מיך תמיד און גאַרן מיין בלוט.

און דאָך ווען איך קוק אויף זיין טויטער געשטאַלט,
וואו ס'רוט איצט די שנאה פאַרגליווערט און קאַלט —
מיר גייט דורך אַ שוידער: איך שפיר אין דער שטיל
אַ טרויער־געדאַנקען, אַ טרויער־געפיל.

ווי איך וואָלט פון זיך אין אים נאָר וואָס דערקאָנט
אַ טייל כאָטש אַ ווייטן, און דאָך אזוי נאָנט;
אַ טייל פון מיר זעלבער. און איז ער מיר ניט
אין קייט פון דער מענטשהייט אַ לייבליכעס גליד?!

# די הייליקע דרייאייניקייט

(אין צייט פון פראָהיבישאָן)

אַמאָל איז געווען וויין, ווייב און געזאַנג;
געקומען דער טייוול, פאַרכאַפּט דעם געטראַנק!
אַ ביסעלע וויין נאָר, אַ קליינינקייט!
דאָך האָט ער צושטערט די דרייאייניקייט!

ער האָט אונז געלאָזן די ווייב און דאָס ליד;
אַ דאַנק אים; אָן וויין איז דאָס האַרץ אָבער מיד!
אָן פלאַם די נשמה, אָן פייער דער לייב
און ס׳ליד איז קיין ליד ניט, די ווייב ניט קיין ווייב!

ער האָט אונז צושטערט ניט קיין קליינינקייט —
די הייליקע דרייאייניקייט!

# מיינע געבורטסטעג

מיינע טעג, געבורטסטעג,
זיינען שוין געציילטע:
ס׳רופט מיך גאָט אין הימל
צו די אויסדערוויילטע.

צו אברהם, יצחק,
יעקב און צו נח;
וואָס איך וועל דאָרט מאַכן,
ברעך איך מיר דעם מח:

זיצן מיט די אָבות
אויפן חורבן קלאָגן?
בין איך נאָך צו פריילאַך,
כ׳קאָן דאָס ניט פאַרטראָגן.

זיצן לעבן משה׳ן
מיט דער שטרענגער תורה?
ווייס איך, כ׳האָב געזינדיקט,
האָב איך עפּעס מורא.

יאָ, נביאים — דיכטער
זיינען דאָרט אַ פולע,
בין איך אַ מאָדערנער,
זיי — פון אַלטער שולע.

איינע, די מאָדערנע
דבורה הנביאה
איז דאָך שוין אַ זקנה,
וואָס איז די מציאה?

הייסט עס, איז פאַרבליבן
רחב נאָר, די זונה?
אויף אַזעלכע זאַכן
בין איך נישט קיין קונה!

# נעכטן און היינט

נעכטן גוטן ווײַן געטרונקען
און חברים צוגעוואונקען;
היינט בין איך פֿאַרצערט פֿון זאָרגן:
ס'וויל דער שיינקער מער ניט באָרגן.

נעכטן יונגע צוגעצויגן,
נעכטן ליפּנזאַפֿט געזויגן.
היינט טרעף איך נאָר בליקן קאַלטע:
יונגע ליבן ניט קיין אַלטע.

נעכטן שטאָלץ א ליד געזונגען;
היינט איז שוין מײַן ליד פֿאַרקלונגען.
ס'קען ניט מער דער דור דער יונגער
ניט דאָס ליד און ניט דעם זינגער!

## שוועב איך אין דער פינסטער אום

שוועב איך אין דער פינסטער אום,
איז מיר אַזוי ליכטיק:
איך דערזע, ווי גרויס איך בין,
פיל מיך אַזוי וויכטיק.

צינד איך מיינע לוסטערס אָן,
ווערט מיר פּלוצלונג פינסטער:
איך דערזע ווי קליין איך בין —
אויף דער וועלט דער מינדסטער!

## און אָפטמאָל פאַרווילט זיך

און אָפּטמאָלס פאַרווילט זיך אַזש זעלבסטמאָרד באגיין...
עס איז אזוי טרויעריק איינער אליין:
קיין ליבסטע, קיין שוועסטער; אין גאַנצענעם לאַנד
קיין פריינט ניט צו דריקן אים הארציק די האַנט;
קיין גאָט ניט צו ווענדן צו שיקן א תפילה,
קיין איינציקן אמת׳ן שונא אפילו —
עס זאָל זיך פון זיינטוועגן לוינען צו לעבן,
און ראכע פאַרטראכטן, — צי גאָר אים פאַרגעבן...
עס איז אזוי טרויעריק איינער אליין!
און אָפּטמאָלס פארווילט זיך אַזש זעלבסטמאָרד באגיין.

## גווייליק.

נישט צום לאַכן, נישט צום וויינען . . .
גאָט, ווי לאַנגווייליק דאָס לעבן!
גיסט דו, בורא, ניט קיין נחת,
זאָלסטו כאָטש יסורים געבן.

גיס אַריין וואָס אין נשמה,
זי זאָל קרעכצן אָדער זינגען.
ס׳זאָל דאָס האַרץ נישט שלאָפן בלייבן —
עס זאָל צאַפּלען זיך און שפּרינגען!

# איינזאַמקייט

**אומעטום** איז יום טוב
אָבער ניט ביי מיר;
קיינער קומט צום פענסטער,
קיינער קלאַפּט אין טיר.

זיץ איך מיט מיין אומעט
איינזאַם ביי דער נאַכט,
קומען אָן מחשבות
בייזע, און איך טראַכט:

מענשן זיינען נאָענט,
מענשן זיינען ווייט, —
מענש צווישן מענשן
קרעכצט פאַר איינזאַמקייט . . .

וואָלט אַ וואָלף איצט קומען,
כ׳וואָלט זיין קאָפּ געגלעט,
אים אַרומגענומען
און צו אים גערעדט:

„ניין, דו ביזט קיין וואָלף ניט,
ביזט אַ טרייער הונט;
נאַ דיר פלייש אַ חלק,
עס און זיי געזונט.

כ׳מאַך דיר אַ געלעגער
ביי מיין אָפ׳נער טיר,
זיי דאָך דו מיין קרוב,
בלייבט דאָך דו מיט מיר.״

פלוצלונג קומט אַ פויגל
שטעלט זיך ביי מיין שויב;

כ'ווייס עס איז אַ קראָ,
זאָג איך, ס'איז א טויב:

וואָס איז מיר דער חילוק?
איצטער איז מיר גוט,
כ'גאָר דאָך נאָך אַן אָטעם
און נאָך וואַרעם בלוט.

עפן איך דאָס פענסטער:
„ווער ס'וועט זיין וועט זיין,
ביזטו טויב צי קראָ,
קום אין שטוב אַריין.

כ'האָב אָנגעגרייט פאַר קראָען
פליישעדיקע שפּייז,
און פאַר פרומע טויבן
אַרבעסלאָך און רייז."

קוקט מיך אָן דער פויגל,
פאַלט אויף אים אַ שרעק;
הייבט ער אויף די פליגלען
און ער פליט אַוועק.

בלייב איך אין מיין צימער
ווידער גאַנץ אַליין;
קיינער קומט צו מיר נישט,
כ'האָב נישט וואו צו גיין.

אומעטום איז יום־טוב,
אָבער נישט ביי מיר;
קיינער קומט צום פענסטער,
קיינער קלאַפּט אין טיר . . .

# ווי פרעמד

ווי פרעמד דו זעסט מיר אויס היינט,
אַלטער פריינט!
דו זיצסט ביי מיר אין צימער ווי אַמאָל
און רעדסט אַזוי ווי דו פלעגסט שטענדיק ריידן; —
און ביזט אַזוי ווי אַלעמאָל
דאָך איז דיין בליק אַן אַנדער בליק,
דיין קול אַן אַנדער קול —
און ווי דו ווילסט ניט זיין היינט ווי געוועזן,
ביזט דאָך ניט ווי אַמאָל.
מיט וואָס?
איך קען דאָס ניט דערקלערן:
איך פיל אַ פרעמדן היינט אין דיר, —
און אפשר פילסטו אויך די זעלבע זאַך אין מיר?
ווער ווייס . . .

## אַ פריילאַכס

וואַנדער איך אום לוסטיק
אין רעגן און אין קעלט.
זינג איך מיר אַ פריילאַכס,
פייף איך אויף דער וועלט!

האָט זיך שפּעקולירן
מיר אַמאָל פאַרוועלט;
גיי איך אויף דער בירזשע,
לייג אַריין מיין געלט;

שטייגן אַלע אַקציעס,
אַלע האָבן גליק;
מיינע אָבער זינקען,
כ׳קריג אַ פייג צוריק.

נעם איך אין אַרענדע
מיר אַ וואַסערמיל: —
אפשר וועט גאָט העלפן
טראַכט איך אין דער שטיל;
פלוצלונג קומט אַ מבול,
שטורמס ווילד און שווער.
פּלאַצן מיינע דאַמבעס,
מאָלט מיין מיל ניט מער!

כ׳האָב אַ שטיקל ערד מיר
מיט אַ קו געקויפט;
פּאַסט עס ניט מיין ווייבל,
נעמט זי און אַנטלויפט;
פאַלט אויף מיין בהמה
אָן דערפון אַ שרעק,
נעמט זי און זי לייגט זיך
און פגר׳ט מיר אַוועק!

האָב איך מער קיין געלט ניט,
קיין ווייב נישט און קיין קו;
לאָזט מיך מיין שלימַזל
איצטער שוין צורו;
וואַנדער איך אום לוסטיק
אין רעגן און אין קעלט,
זינג איך מיר אַ פריילאַכס,
פייף איך אויף דער וועלט!

## אָט אַזוי

אָט אַזוי, אָט אַזוי
גייט׳ס אויף דער וועלט:
האָב איך קיין פעלץ ניט,
קומט אָן אַ קעלט.

גיי איך נאָך יאַגדעס,
ברענט אָפּ דער וואַלד;
טרעף איך די יונגע,
בין איך צו אַלט!

## אונטן און אויבן

און אונטן אויף דר׳ערד וויינט אַ מוטער און קלאָגט:
דער טויט האָט אַ קינד איר׳ס גענומען.
און אויבן אין הימל הילכט אַ „ברוך הבא!״
אַ מלאך צוריק איז געקומען.

און אויבן אין הימל איז טרויריק אַ שרעק:
אַ מלאך ז׳געגאַנגען פאַרלאָרן;
און אונטן אויף דר׳ערד גיט מזל טוב אָפּ:
אַ מוטער אַ קינד האָט געבאָרן.

## ס׳רייסט זיך דאָס הינדעלע

ס׳רייסט זיך דאָס הינדעלע,
פּיקט זיך פון איי.
שוואַכינקע עופ׳עלע,
וואָס טוט דיר וויי?

ענג דיר דיין שאָלעכץ-וועלט?
ס׳מאַכט דאָך ניט אויס:
נאָך אַ פּיק, נאָך אַ פּיק,
פּיקסט זיך אַרויס!

# ברוך אתה

**ווידער** וואַכן אויף אין האַרצן
צאַרטע טענער אין דער שטיל:
ווידער קומט דער יונגער פרילינג
מיט זיין שאַפונגס צויבערשפּיל.

קוים באַמערקבאַר טריפט ער, גיסט ער
אין נשמה לעבנסלוסט;
פאַרבן אויף דער הוילער געגנט,
ליבע אין דעם מענטשנס ברוסט.

גאַרונג צו דער שטילער וויטקייט,
וועלכע ווינקט אזוי און ציט; —
ביינקניש נאָך דער בלויער הויכקייט,
ווען דער אונטשטערן גליט.

ברוך אתה, גאָט אין הימל:
אין דער יונגער פרילינגס־צייט,
שפּיר איך אין מיין האַרץ דאָס שפּראָצן
פון אַ העלער אייביקייט!

# אַביסל אידישקייט

# מיין שפּראַך

מיין שפּראַך, מיין שפּראַך, מיין אידישע,
מיין טרייסט אין אַלע צייטן,
דיך וועל איך אויף קיין אַנדערער
קיין איינמאָל ניט פאַרבייטן!

און זאָל דאָס לשון קודש זיין,
וואָס איז מיר ליב און טייער, —
דאָך צינדט זי ניט אַזוי ווי דו
אין האַרץ ביי מיר קיין פייער.

שוין זייער לאַנג געלעבט אין דיר
און אוצרות אָנגעקליבן;
און אָפּטמאָלס זעלבסט אַ פּערעלע
אין פּנקס איינגעשריבן!

# נאָענט און ווייט

און איינע איז פלאַקער, די צווייטע איז פלאַם,
די דריטע אַ זוניקער פייער.
איר אידישע, יונגינקע טעכטערלעך דריי;
ווי זייט איר מיר הייליק און טייער!

יאָ, אידישע קינדער, ס׳איז פרעמד אייך מיין שפּראַך,
דאָך ווילט איר, איך זאָל פאַר אייך זינגען:
ווי וואויל איז דעם דיכטער, וואָס קאָן מיט זיין ליד
דעם מענטשנס נשמה דורכדרינגען!

אַט זיצן זיי אַלע און הערן זיך איין,
ווי צוגעשמידט פעסט צו די ערטער;
און איינע אין ווינקל איז שטיל ווי אַ טויב
און שלינגט מיינע אידישע ווערטער.

די צווייטע, וואָס זיצט אַזוי נאָענט ביי מיר,
זי זאָגט מיר: „דיין ליד איז אַ חידוש, —
און איצט, אַז דו האָסט אונז אויף ענגליש פאַרטייטשט,
טאָ זינג עס אונז ווידער אין אידיש.“

די דריטע, זי זיצט לעבן מיר אויפן דיל
און דריקט אין איר האַנט מיינע פינגער;
זי קוקט מיר אין פּנים און בעט אַזוי שטיל:
„זינג מערער אונז, אידישער זינגער!“

איר אידישע קינדער, ווי ליב איר מיר זייט,
איך וועל פאַר אייך זינגען און טאַנצן,
ווען כ׳וויס, אז איך וועל כאָטש נאָר איין אידיש ליד
אין אייערע הערצער פאַרפלאַנצן.

און אפשר, עס קאָן דאָך געמאָלט זיין אַמאָל,
אַז אידיש זאָל טאַקע נאָך זיגן, —
און איר וועט די קינדער פון קינפטיקן דור
מיט אידישע לידער פאַרוויגן.

אַזוי איז באַשלאָסן, אַזוי וועט עס זיין:
אויף אידיש נאָר זינגען און ריידן.
און ווען ס'איז געקומען צו שיידן די צייט,
איז שווער אונז געוועז זיך צו שיידן.

אַט האַלטן זיי ווידער די בליקן אויף מיר,
און איך ווער ווי ניי באַלד געבאָרן:
אַ יונגער, אַ ווילדער, ווי איך בין געוועזן
צוריק נאָך מיט צענדליקער יאָרן.

איך וואַרף פון פאַרגאַנגענהייט האַסטיק אַראָפּ
די שטאָלענע שלעסער און ריגלען, —
איך שוועב אין מיין יוגנט פון נייעם אַריין
אויף לייכטע, אויף זיכערע פליגלען.

אָ, אידישע טעכטער, אי נאָענט אי ווייט,
ווי זייט איר מיר הייליק און טייער!
און איינע איז פלאַקער, די צווייטע איז פלאַם,
די דריטע — אַ זוניקער פייער!

# ניין, ניט דערפֿאַר

ניין, נישט דערפֿאַר בין איך אַ איד
ווייל כ׳בין אַ איד געבאָרן;
און וואָלט איך געבאָרן זיין אַ קריסט,
איך וואָלט אַ איד געוואָרן.

און וואַנדערן וואָלט איך דורך דער וועלט
און צווישן אייך גוים לעבן;
און טוט איר מיר עינויים אָן,
כ׳וואָלט אייך דערפֿאַר פֿאַרגעבן.

ווייל ווער אַ שווערע מיסיע האָט,
מוז זיין מיט צער צופֿרידן.
איר קריסטן זייט קיין קריסטן מער,
מיר אידן — אַלץ נאָך אידן.

און ריין דאָס בלוט און צאַרט דאָס האַרץ
און לויטער אונזער זינען;
און זוכט איר אַמאָל אַ וואַרן קריסט,
איר וועט אים ביי אונז געפֿינען!

## הלעיטני

„גיס איין מיר פון רויטן, פון רויטסטן געקעכץ,
און איך וועל דיר געבן מיין בכורה!“
אַזוי האָט אַ ברודער צום ברודער גערעדט,
אַזוי שטייט ביי אונז אין דער תורה.

און עשו דער רויטער זופּט לינדזן פון טאָפּ,
און יעקב דער בלייכער קייט יחוס;
און עשו האָט פעלדער און וועלדער און שאָף,
און יעקב טראָגט אום זיך מיט סמיכות.

## אַ פּאַראַדאָקס

אַ מאָדנע פאָלק ביזט דו, ישראל,
איך קוק דיך אָן און ווער נתפעל:
דו האָסט קיין זאַך ניט און האָסט אַלעס:
דאָס מייסטע גאָלד, — דעם גרעסטען דלות;
דעם ערגסטן שטאָם, — דעם בעסטן יחוס,
די דיקסטע בערד, — די גלאַטסטע פּליכעס;
די ערגסטע קריינק, — די בעסטע כחות,
די גרעבסטע קעפּ, — די שאַרפסטע מחות;
דאָס רויטסטע בלוט, — די בלייכסטע באַקן,
דאָס צאַרטסטע הארץ, — דעם האַרטסטען נאַקן.
אַ פּאַראַדאָקס ביזט דו, ישראל
איך קוק דיך אָן און ווער נתפעל!

# זאָג, וואָס זוכסט דו?

„זאָג, וואָס זוכסט דו, אלטער פריינט?"
— אידישקייט ביי אידן.
„און ווי גייט דאָס זוכן דיר?"
— גוט, איך בין צופרידן.

„זוכסט ביי רעפאָרמירטע גאָר?
ביזט אראָפּ פון זינען?"
— ס׳מאַכט ניט אויס, פריינט, אויך ביי זיי
קען מען דאָס געפינען.

„זאָג, וואָס רופסט דו אידישקייט?"
— ס׳אידיש הארץ, מיין ברודער.
„און וואָס טוט א אידיש האַרץ?"
— פיל, און אָן געררודער.

רייסט דאָס לעצטע אָפּ פון זיך,
גיט מיט פרייד און טרערן;
מיט א ווילן, אז זיין פאָלק
אויפגעריכט זאָל ווערן.

# אַביסל פּראָלעטאַרשקייט

# דער געשלעג

לעבן רעסטאָראַן דעם רייכן,
אויף דעם גרויסן ברייטן וועג,
ביי צוויי הונגעריקע נפשות
איז געוואָרן א געשלעג.

ביידע שטייען ביי א פעסל
פול מיטביינער און מיט שמוץ;
ביידע ווילן דאָס באַזיצן
און געניסן „אל דאָס גוטס."

איינער איז צום קאמף באוואפנט
מיט א שטעקן און א שטיין;
די כלי־זיין פון דעם צווייטן
איז א מויל מיט שאַרפע ציין.

איינער איז אַן אָרמער בעטלער,
אַלט און שוואכלאך אין געזונט;
און דער צווייטער איז א בייזער,
געלער אויסגעדארטער הונט.

רוקט דער הונט זיך נאָנט צום פעסל,
צילט דער בעטלער מיט דעם שטיין;
רוקט דער בעטלער זיך צום פעסל
שטשירעט אויס דער הונט די ציין.

גיט דער הונט א שפרונג צום פעסל,
פילט ער גלייך דעם בעטלערס שטאָק;
בויגט דער בעטלער זיך צום פעסל,
רייסט דער הונט אים פאַרן ראָק.

ביידע שלאָגן זיך געפערלאך,
ביידע רייסן זיך אויף טויט: —
ביידן האָט געבראַכט דער הונגער,
ביידן האָט געבראַכט די נויט.

# דאָרטן, וואו די שטאָט זיך ענדיקט

דאָרטן, וואו די שטאָט זיך ענדיקט,
פּאַזע וועגביים אייזנבאַן,
זע איך דריי א זייגער מאָרגנס
גיין אַן אַלטן ארבעטסמאַן.

איינגעבויגן איז זיין רוקן
און מיט קנייטשן דאָס געזיכט;
האַלב פאַרשלאָפן, האַלב צובראָכן,
און ער גענעצט און ער קריכט.

אויף די שטיוול וויניק לעדער,
אויפן מאנטל קנאָפּ געוואנט;
טראָגט אַ העקל און אַ זעקל
מיט א לאָפּעטע אין האַנט.

איך באַטראַכט אים און א פראגע
קומט אריין מיר אין מיין זין:
זאָג, דו ארבעטער, דו אלטער,
זאָג, וואו גייסטו איצט אהין?

איז ביי דיר איצט נאכט געוואָרן,
אָדער האָסטו ערשט דערוואַכט?
דאַרף איך זאָגן דיר גוט מאָרגן?
זאָל איך זאָגן דיר גוט נאַכט?

גייסטו איצטער פון דער ארבעט
פון דער שווערער אזוי שפּעט?
אָדער גייסטו צו דער ארבעט
אַקאָרשט, אקאָרשט וואָס פון בעט?

נאָר מיך זעט גאָר ניט דער אַלטער:
צו דער ערד דעם מידן קאָפּ,
הייבט ער שנעלער אָן צו שפּרייזן
פון דעם בערגעלע אַראָפּ.

און א לאנגע צייט אלץ קוק איך,
ווי ער שלעפּט זיך, ווי ער שפּאַנט, —
מיטן העקל, מיטן זעקל,
מיט דער לאָפּעטע אין האַנט.

# און ווידער א קרבן

אין צימער איז פייכטלאך,
קיין לופט און קיין ליכט.
עס זיצט דאָרט א מיידל
גאַנץ דאַר אין געזיכט;
די הענט אירע האַלט זי
פאַרלייגט אויף דער ברוסט,
און בויגט זיך אין דרייען
און סאָפּעט און הוסט.
געדרייט אלץ דאָס רעדל
פון וואָך און פון שטיק;
געוואוסט פון קיין לעבן,
געוואוסט פון קיין גליק.
און לאַנגזאם מיט יאָרן
פאַרלאָרן איר קראַפט;
ניטאָ אין די ביינער
קיין טראָפּן פון זאַפט.
אן אמת׳ער שאַרבן
ווי געל און ווי גרין;
און ווידער א קרבן
פון דער מאַשין!

# קליין לייזערל

(פאַראידישט, נאָך נעקראַסאָוו)

זינגען פלעגט ביים וויג מיין מוטער מיר:
שלאָף דאָך רואיק איין, קליין לייזערל.
רייך און גליקלאך וועסטו שטענדיק זיין,
אומגיין וועסטו ווי א קייזערל.

און דערפילט געוואָרן זיינען אויך
די נביאות די פאַרשיידענע:
מיט א טאָרבע גיי איך תמיד אום
מיט מיין קייזערטע מיין אידענע.

און די קינדערלאך די קליינינקע,
מיינע פרינצן די געבאָרענע,
גייען הינטן מאַיעסטעטיש נאָך,
אָפגעריסענע, פאַרפראָרענע.

# דעם אינגלס אינגעלע

דער טאַטע נעמט זיין אינגעלע
דעם קליינינקן אין שיינק.
ער טרינקט זיך אָן האלב שיכור׳לאך
און זאָגט צום קינד: געדיינק,
עס איז קיין פלאַן קיין ריכטיקער
צו שיכור׳ן, דאָס הייסט; —
דאָך ווייל מיין הארץ פארביטערט איז,
איז דאָס ביי מיר א טרייסט!

דעם טאַטנס טאַטנס אינגעלע
ער גייט אין שיינק אליין;
און וואָס א יאָר און וואָס א וואָך
ער בלייבט דאָרט לייגגער שטיין.
ער טרינקט פון זיין זיידן מער,
אים גלאַנצט שוין דאָס געזיכט;
און שיכור׳ן א יעדן טאָג
דאָס ווערט ביי אים א פליכט.

פון אינגלס אינגלס אינגעלע,
פון אים איז אָפּגערעדט:
ער לויפט שוין אין דער שיינק גאַנץ פרי
און בלייבט ביינאַכט ביז שפעט.
ער איז פון טרינקען אויסגעקריינקט
און אָפּגעצערט און בלאַס; —
און וואַלגערט זיך א שיכור׳ער
אין רינשטאָק אויפן גאַס!

# קראָקאָדילן טרערן

(אַ פֿאַבל)

צוויי שעפעלאך זיינען שפּאַצירן געגאַנגען.
אַ קראָקאָדיל האָט זיי ביידן געפאַנגען
און איינעם פאַרשלונגען,
דעם צווייטן איז צו אַנטלויפן געלונגען.
דער קראָקאָדיל וויינט מיט ביטערע טרערן:
„וואָס וועט איצט פון אנדערן שעפעלע ווערן?
עס קאָן אים חלילה פאַרצוקן א בער...“—
און זיפצט אזוי שווער...
דעם קראָקאָדיל גיט אַן אייזל א פרעג
(ער איז גראָד געשטאַנען אויף יענער זייט ברעג):
— דו וויינסט פאר רחמנות? וואָס איז דיר געשען?
ווי כ׳ווייס, ביזט קיינמאָל קיין בעל־רחמים געווען.
דער קראָקאָדיל ענטפערט: „צו גרויס איז מיין צער.
און וויינען, מיין פריינט, וויין איך טאַקע דערפאַר,
וואָס כ׳האָב ניט פאַרשלונגען דעם אנדערן אויך,
ווען פּלאַץ איז פאַראַנען פאר צוויי אין מיין בויך!“

# וויגליד

אליע לולינקע, מיין קינד,
איך וועל דיך פֿאַרוויגן.
אויף אַן איינגעבויג׳נעם בוים
שפּרינגען אַלע ציגן.

שפּרינגען זיי און מעקענען,
רייסן אים די קאָרע;
ווער עס איינגעבויגן ליגט,
יענער איז קיין שררה.

דו וואַקס אויס אַ שטאַרקער דעמב,
זאַפּט קריג אין די ביינער;
דו וועסט דאַרפֿן שטאַרקע הענט,
דאַרפֿן שאַרפֿע ציינער.

קריסטלאַך איז איצט אונזער וועלט,
מוזט דו קריסטלאַך לעבן;
נעמען אַלצדינג מיט געוואַלט,
נעמען און ניט געבן.

קלייב אָן כּוחות אין דיין וויג,
האָדעווע קולאַקעס;
נעם ביים שוואַכן אַלץ אַוועק,
לאָז אים איבער מכּות!

לערנען וועט מען דיך אין שול
שפּילן אין סאָלדאַטן;
גרינטלאַך לערן אויס די קונסט,
נחת ברייַנג דיין טאַטן.

דו וועסט ווערן א סאָלדאַט,
טראָגן וועסט כלי זיין;
שיקן וועט מען דיך אין קריג
פעלקער צו באַפרייען.

אַליע לולע, זע, מיין קינד,
זאָלסט דערצו זיך טויגן:
נעמסט דו א געפאַנגענעם,
שטעך אים אויס די אויגן.

קריסטלאך איז איצט אונזער וועלט,
מוזט דו לעבן קריסטלאך!
כאַפּסט אין פּלען א מיידעלע,
שנייד איר אָפּ די בריסטלאך...

אַליע לולע, זע, מיין קינד,
פאָלג דיין גוטן טאַטן:
„גוטס טאָן" צו דער רעכטער צייט
קאָן אמאָל ניט שאטן.

זעסט דו, ווי א שטאַרקער וויל
איינשלינגען אַ שוואַכן,
שלינג אים שנעלער איין אליין,
דו'סט עס בעסער מאַכן...

וועסט דו טאָן, ווי איך דיר זאָג,
און מיין ליד דערהערן,
וועסט דו אפשר, מיט דער צייט
ווי א גרויסמאַכט ווערן!

# דער שרעק פון אַמאָל און היינט

אַ מ אָ ל :

אָ, ווי, מיר וועלן באַלד אונטערגיין!
די פעטסטע ערד איז געוואָרן ווי שטיין;
צובראָכן די סאָכעס, צוקרימט די באָראָנעס,
די גאַנצע געגנט שטייט אין סכנות:
עס פאַלט ניט קיין רעגן, עס וואַקסט ניט קיין ברויט,
און מיר וועלן שטאַרבן א הונגער־טויט!

ה י י נ ט :

ס'ליגט אָנגעגרייט שוין פון אַלצדינג צופיל,
און ס'שטייען די רעדער שוין לאַנג אזוי שטיל.
וואָס שטילער די רעדער אלץ גרעסער די נויט, —
און טראָכסטו פון מאָרגן עס ציטערט דיין הויט:
עס פלאַצן פון שווערקייט די שפייכלער פול ברויט,
און מיר וועלן שטאַרבן א הונגער־טויט!

# יקום פורקן

יקום פורקן מין שמיא,
דאָ דערלייזט אונז קיינער ניט.
פון די הערשער, די מאַגנאַטן,
קומט צו הילף קיין איינער ניט.

יעדער מיט זיין רויב פאַרנומען,
אַרט זיי ווייניק יענעמס נויט:
דאַרף מען מער קיין שקלאַפן האָבן,
שיקט מען זיי צום הונגער־טויט.

נאָר פון וויטן לאַנד דעם שיינעם
דונערט מעכטיק דער „עד כאן"!
יקום פורקן מן שמיא,
דורך דער מאכט פון ארבעטסמאַן!

# אינהאלט

## מיט זיך אליין


מיין אינגערע וועלט — 13
געזאנגען — 14
דעם טאג פאר דער ארבעט — 15
ווען נישט איר מיינע לידער — 16
אפגעמאכט — 16
א קלייניניקע לידעלע — 17
מיינע שטילע באגלייטער — 18
רבונו של עולם — 19
איז מיין שטיבל ענג — 20
כל דכפין — 20
און אפטמאלס — 21
גאט צו דאנקען — 21
צו מיין לעבנס חבר — 22
איך בין צוויי אין איינס — 22
מיין שרייבטיש — 23
שפליטער געזאנגען — 25
מאשינאווע לידער — 26
מיין פנקס — 28
נצחוני, בני — 31
בן ששים — 32
זעקס און זעכציק — 33
א זיבציק יאר שוין אפגעלעבט — 34
איך קלייב זיך אויף דער רייזע — 35
א גאנצן לעבן שווער געארבעט — 36
כ'האב אפגעהיט א „לא תעשה" — 37
מיר האט געחלומט, איך בין טויט 38
מיין צווייפל אין זיך — 39
אמאל איז אן עניו א דיכטער
געוועזן — 43
דער דיכטער — 44
צי מיט דיר, צי אן דיר — 45
ניט מאכט דאך צו שווער — 46
לויבט דאך דעם דיכטער — 46
הזכרת נשמות — 47
גאנץ ענאל — 50
נאשן — 51
וואס לערער, אליץ פולער — 51
צום יונגן — 51
אן עצה צו א דיכטער — 52
מיר דיכטער — 53
חיים און יוסף — 54
ווען ענדיק איך די לידער — 60


## דוכטעניש


דו זינגסט רק פון ליבע — 63
גאט האט מיר א דורשט געליען— 64
נישט געשטויגן, נישט געפלויגן— 65
וואס איך זוך איצט אין דעם קארן 66
העי, העי, העמערל! — 68
זאל עס דונערן און בליצן — 71
שמיד איך לידער — 72
זע — 73
נאר דאס בין איך אויסן — 73
ניט אנטפלעק זיך — 74
דו האסט מיט הונדערט לידער — 74
מיט א שלייף — 75
די פראצענטניקעס — 76
ברילן — 77
זיינען מיר איינמאל שפאצירן
געגאנגען — 79
לאמיר זיך צוזאווערטלען — 79
כ'וויל נישט וויינען — 80
א, יארן איר יונגע! — 81
קום מיט! — 82
איך טרינק פאר זיך מיין וויין — 83
ניט פרעגט מיך, וואס איך טרויער 84
צו רעכטס א פלאש — 85
א טויב איז צום פענסטער געקומען 86
וואס מאכט מיך דער ווינט
אזוי טרויעריק — 87
דאס צולמל — 88

נחמה — — — — — — — — 90
אלטער תושב — — — — — — 93
דאס גליקלעכע פאר — — — — 94
בעזים און שטעקן — — — — 95
די פרה אדומה — — — — — 96
די נשמה יתירה — — — — — 98
ער האט דערציילט איר — — 99
דו, מיר ניט באשערטע — — — 100
פינסטער פאר די אויגן — — — 102
זיין בליק איז שטאר — — — 104
די בלייכינקע מאדאם — — — 105
דוכטעניש — — — — — — — 107


## משלי יוסף

משלי יוסף — — — — — — — 117
לאמיר אביסעלע לאכן — — — 120
געגים — — — — — — — — 121
האפנונג — — — — — — — — 122
ניט געזארגט — — — — — — 123
איילט זיך צו — — — — — — 124
מער ליבע — — — — — — — 125
און טויט איז מיין שונא — — 125
די הייליקע דרייאייניקייט — — 126
מיינע געבורטסטעג — — — — 127
נעכטן און היינט — — — — 128
שוועב אין דער פינסטער אום — 129
און אפטמאלס פארווילט זיך — 129
לאנגווייליק — — — — — — 130
איינזאמקייט — — — — — — 131
ווי פרעמד — — — — — — — 133
א פריילאכם — — — — — — 134
אט אזוי... — — — — — — 135
אונטן און אויבן — — — — — 136
ס'רייסט זיך דאס הינדעלע — — 136
ברוך אתה — — — — — — — 137


## אביסל אידישקייט

מיין שפראך — — — — — — 141
נאענט און ווייט — — — — — 142
נייז, ניט דערפאר — — — — 144
הלעיטני — — — — — — — — 145
א פאראדאקס — — — — — — 145
זאג, וואס זוכסטו — — — — 146


## אביסל פראלעטארישקייט

דער געשלעג — — — — — — — 149
דארטן, וואו די שטאדט זיך
ענדיקט — — — — — — — 150
און ווידער א קרבן — — — — 152
קליין לייזערל — — — — — 153
דעם אינגלס אינגלס אינגעלע — 154
קראקאדילן טרערן — — — — 155
וויג ליד — — — — — — — — 156
דער שרעק פון אמאל און היינט 158
יקום פורקן — — — — — — 158